בעזהי"ת

# קונטרס
# נחפשה דרכינו

(ונחקורה ונשובה)

*

התעוררות און חיזוק אויף אסאך ענינים וואס זענען היינט זייער וויכטיג
וויא **חינוך, צניעות, כשרות, ציונות, לוקסוס וכו'**

*

(מיר דרוקען דעם קונטרס אין אידיש, בכדי די פרויען זאלען אויך פארשטיין)

**שנת תשל"ו לפ"ק**

*****************************************************

**קונטרס עד מתי**
(נדפס פעם ראשון בשנת תרפ"ג)

מיר האבען **הסכמות** פון גדולי ומנהיגי ישראל, וואס צוליב כמה סיבות איז אונז נישט מעגליך דאס ציא פארעפענטליכען. און צוליב די זעלבע סיבות ווערט דער קונטרס געדרוקט אן דעם נאמען פון מחבר.

מיר האבען געהאלטען פאר וויכטיג אויף אסאך פלעצער איינצוצייכענען ראיות פון סה״ק, נאר כדי דאס זאל נישט זיין קיין שטערונגביים ליינען בפרט פאר פרויען, האבען מיר די מראה מקומות און מליצות איינגערינגעלט און געדרוקט מיט קלענערע אותיות, אזוי אז מען קען דאס אויסלאזען און ליינען אין איין המשך כסדר.

מיר בעטען זייער מען זאל דעם קונטרס נישט אוועקשטעלען, נאר פון צייט צו צייט איבערקוקען, וויא אויך מיט אלע מעגליכקייטען דאס צושפרייטען ביי קרובים שכנים און גוטע פריינט, מיט דעם וועט מען האבען א חלק אין זיין א מזכה הרבים.

אזוי ווי די הוצאות זענען אויסערגעווענליך גרויס, **בעטען מיר זייער איינצושיקען לויט די מעגליכקייטען צוא דעקען א טייל פון די הוצאות,** מיר זאלען קענען ווייטער ממשיך זיין מיט די הייליגע ארבעט בעזה״י.

©

אדרעס צוא באשטעלען דעם קונטרס

NACHPESU DRUCHENI

P. O. BOX 106

BROOKLYN, N.Y. 11211

סודר

**בדפוס מעיין**

*553 Montgomery St. Brooklyn, N. Y. 11225*

*Tl.: 771-7196*

דפוס אופסט „מוריה״

MORIAH OFFSET CO.

160 JOHN STREET

Brooklyn, N. Y. 11201

# מפתח


| | |
|---|---|
| גילוי דעת | ד |
| הקדמה | ה |
| פרק א) תורה, תפילה, תפילין, שעטנז כו׳ | ט |
| פרק ב) מותרות (לוקסוס) | יב |
| פרק ג) זיך דערווייטערען פון די דרכי הגוים | טו |
| פרק ד) קדושה און צניעות | כא |
| פרק ה) ארבייט, ארבייטס־פלעצער, שידוכים | כז |
| פרק ו) מופען, פראדזעקטס, חוץ לעיר | לב |
| פרק ז) ציונות | לד |
| פרק ח) כשרות און הכשרים | לח |
| פרק ט) חינוך | מט |
| פרק י) חדרים און ישיבות | נג |
| פרק יא) מיידליך־שוהלע״ס, סקולס | נז |
| פרק יב) קאנטריס, קעמפס | סא |
| פרק יג) התעוררות־רוף צו די רבנים | סד |
| פרק יד) המשך | סה |
| פרק טו) בקיצור איבערגע׳חזר׳ט דעם קונטרס | סז |
| פרק טז) הסיום לטובה | סט |
| **קונטרס עד מתי** | ע |
| **וויבטיקע מודעות** | עח |

ביי אלע פלעצער אין דעם קו' וויא עס ווערט דערמאנט א לשון בזיון, וואס זעהט אויס וויא א זלזול בכבוד הרבנים ות"ח, מיינט דאס נישט ח"ו די אמתע מנהיגי וגדולי התורה, אדרבה דער גאנצער צוועק פון דעם קונטרס איז בפירוש אויפצוהייבען דעם כבוד התורה און די תורה לערנערס וואס איז שטארק נאכגעלאזט (ע' פ"ט אות ב־ג). נאר די כוונה איז געגען די פאלשע וואס פארקליידען זיך מיט א מאנטעל פון א צדיק און תלמיד חכם, און מען מיינט אז וואס זיי זאגען און טוען איז אלעס הייליג, און דורך דעם קוקט מען כסדר אויף זייערע מעשים, און ווייל באמת פירען זיי זיך נישט אויף וויא עס וואלט געדארפט צו זיין, איז דאס גורם א גרויסען חורבן. דעסטגלייכען די אלע קלקולים און עוולות וואס ווערען דערמאנט, איז נישט חלילה צו בארירען קיינעם, נישט קיין יחידים און נישט קיין קהל ועדה, נאר די איינציגע כוונה איז מעורר זיין אויף דעם מורא'דיגען מצב, מען זאל זיך דערוועקען פון שלאף, און מען זאל איינזעהן אלע אונזערע פעלערען וואס מען טוהט אומבאמערקט, ווייל אודאי זיינען אידען נישט נחשד צו טאן במזיד, נאר מחמת תוקף הצרות ואריכת הגלות פאלט מען דורך אין געוויסע ענינים, ע"כ זאל מען באטראכטען יעדען פרט באזונדער און טאהן מיט אלע כוחות מתקן זיין.

(אזוי וויא דער דאזיגער קונטרס איז אויך וויכטיג פאר ארץ ישראל אידען, האלטען מיר פאר וויכטיג צו דעקלערען דאס פאלגענדע).

די אלע ענינים וואס ווערען דערמאנט אין דעם קונטרס איז בעוה"ר אלעס נפרץ אויך אין ארץ ישראל, און נאך אויף א פיהל שטארקערען אופן, ווייל דארט איז די גאנצע רעגירונג געשטעלט עוקר זיין די תוה"ק פון אלע ערליכע אידען, און זיי טוען אלע פעולות זיי צו פארדארבען (ע' פ"ז ופ"י מאות יא ואילך). דער חילוק איז נאר, אז דאהי איז אלעס אויפן וועג פון די גוים וואס זייער השפעה דרינגט אריין אין אונזערע שטובער. און אין ארץ ישראל איז אלעס לויט די השגות פון די רשעי ישראל.למשל מיטן העברעאיש וואס די טמא'נע שפראך ווערט גערעדט אין כמעט אלע ערליכע היימען, און דאס ווערט געלערענט אין די מוסדות. (חוץ ביי א טייל עולם אין ירושלים). און עס איז דא אין געוויסע שטובער וואס די קינדער קענען בכלל נישט רעדען אידיש, ווייל דאס ווערט בכלל נישט געלערענט אין מוסד. דורך דעם ווערט מען צוגעצויגען צו ליינען אלע זייערע ביכער און צייטונגען, וואס אפילו די פון די פרומע ציונים זענען פיל מיט כפירה יעדע שורה רח"ל. און אויך איז דאס א בריק צו קענען שנעלער מקולקל ווערען דורך די רשעים. און דאס זעלבע מיט אלע אנדערע ענינים, וואס זענען שייך דארט וויא דא, נאר מיט געוויסע ענדערונגען און אנדערע אופנים. במילא וואו מיר דערמאנען דאס לשון גוים אדער גויאישקייטען מיינט דאס אין אר"י דער דרך און השפעה פון די פושעים.

א) מיט בערך 30 יאר צוריק נאך די שרעקליכע צווייטע וועלט־מלחמה, וואס אידישע קינדער האבען געליטען גרויסע צרות, און עס זענען בעוה״ר אומגעקומען דאס שענסטע און בעסטע פון כלל ישראל, אין אייראפע, האבען א גרויס חלק פון די איבערגעבליבענע אידען — וואס זענען געראטעוועט געווארען מיט די גרויסע חסדים פון ד׳ יתברך — אהערגעוואנדערט קיין אמעריקע.

ב) דורך די יארען האבען אונזערע געטרייע רועי ומנהיגי ישראל הנאמנים וואס זענען איבערגעבליבען, אויפגעשטעלט בתי מדרשים, מוסדות התורה וכו׳, און מתקן געווען פארשידענע זאכען, און אויפגעטאהן זייער אסאך פאר דעם ניי געקומענעם עולם, זיי האבען אונז מדריך געווען אויפן דרך התורה והמסורה אויפן אלטען אידישען וועג. און די ארבעט איז בע״ה נישט געגאנגען לבטלה, עס זעהט זיך גוט אן די פירות דערפון. עס איז ב״ה אויפגעוואקסען א נייער דור אין אזא וויסטע פלאץ וויא ניו יארק, וואס זענען ערליך און געטריי מקיים די תוה״ק מיט אלע פרטים, און פירען זיך בדרך ד׳ לויט וויא מיר האבען דאס מקבל געווען פון אונזערע רבי״ס די גרויסע מנהיגי ישראל. וואס דאס איז נאך קיינמאל אזאנס נישט געווען ביז אהער אין אמעריקע, און אפילו היינט איז אויך נאר רא די פאר ערליכע פלעצער דארט וויא די צדיקים האבען פארלייגט די כוחות. וואס מיר האבען זיך ב״ה נישט צו שעמען פאר די וועלט מיט קיין שום זאך (לפי ערך הדור).

ג) אבער דאך איז דאס לעבען אין אמעריקע אנדערש וויא די וואס איז געווען אין אייראפע: א] עס איז נישט דא קיין געהעריגע קהילות מיט רבנים וואס האבען א כח, וואס זייערס א ווארט האט מען געמוזט אויספאלגען, ב] מיר וואוינען און האבען צוטאהן אסאך מיט די גויאישע וועלט וואס איז היינט פיהל ארגער וויא אמאל (ע׳ פ״ג). בפרט אז די אלע גרינע זענען כמעט אלעס געבליבענע יתומים, וואס האבען נישט באקומען קיין הדרכה און ערציאונג פון עלטערען, און קומענדיג קיין אמעריקע מבולבל און צובראכען האט מען — נישט וויסענדיג דעם ריכטיגען וועג — זיך צוגעוואוינט צו זייער אסאך גויאישע מנהגים, וואס די אלע זאכען האט מען אינדערהיים קיינמאל נישט געוואוסט. צום ביישפיל, ווען איינער האט געהאט אינדערהיים א ראריא האט מען געוואוסט אז דער איז א קל.

די פאר זאכען האבען צוגעברענגט דערצו אז מיט די געוואלדיגע כוחות און אנשטרענגונגען וואס איז פארלייגט געווארען אויפצושטעלען א ערליכען דור, זענען מיר אבער נישט וויסענדיג צוגעקומען צו פארשידענע גרויסע און יסודות׳ריגע קלקולים. בפרט האט זיך דאס פארערגערט אין די לעצטע פאר יאר מיט פארשידענע געוואלדיגע פרצות וואס זענען איינגעפירט געווארען צווישען אונזער היימישען עולם, וואס די ענינים זענען פון די יסודי התורה, און דאס קען ח״ו צוברענגען א חורבן התורה והדת ד׳ ישמרנו (ע׳ סוף״ג).

ד) ע״כ האבען מיר געשפירט אז עס איז נישט דער זמן צו שווייגען, (ע׳ ספר חסידים סי׳ קנג), בפרט אז די אלע זאכען ווערט דאך געטאהן בשוגג נישט וויסענדיג די

חסרונות ביי דעם אלעם, און ווייניג גדולים זענען דא וואס זענען מעורר און רעדען פון די מכשולות (ע' פי"ג). האבען מיר געהאלטען פאר זייער א וויכטיגע זאך צו דרוקען א קונטרס בעזהי"י (מיט די הסכמות און דברי חיזוק פון די גדולי הרבנים והצדיקים, וואס צוליב געוויסע סיבות איז דאס אונז נישט מעגליך מפרסם צו זיין), וואו עס ווערט ארויסגעברענגט פארשידענע וויכטיגע ענינים וואס מען ברויך מתקן זיין, און הגם מיר האבען בדעה געהאט די אלע ענינים נאר בקיצור צו דערמאנען, האט זיך דאס אבער על כרחך פארצויגען לויטן צורך הענין, אבער נאך אלעם איז פארבליבען אסאך וויכטיגע ענינים וואס מיר האבען לגמרי נישט דערמאנט אדער בקיצור, בפרט אז עס קומען בעוה"ר ארויס כסדר פרישע צרות וואס עס איז פשוט נישט מעגליך אלע ענינים עקסטערע צו באשרייבען.

ה) הגם דער אמת איז אז מיר זענען נישט ראוי צו זיין דער וואס זאל באשרייבען די אלע זאכען וואס געהערען צו א גדול בתורה, נאר היות בעוה"ר האט זיך נאך דערווייל נישט אפגעזוכט דער פאסיגער מענטש וואס זאל נעמען אויף זיך די עבודת הקודש און דעם אחריות, האבען מיר עכ"ח געמוזט דאס מאכען, וויא די גמ' זאגט אז במקום חילול ד' טיילט מען נישט קיין כבוד פארען רב (ברכות י"ט:) און די ספרים הק' שרייבען, אז אויב די ווערטער זענען אמת און ראוי צו זאגען, קוקט מען נישט אויפן מחבר צו ער איז ראוי, און מיר האפען אז בע"ה וועלען די וואס זענען מער מסוגל נתעורר ווערען דערפון און ארויסגעבען אויף א בעסערען אופן.

ו) עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז דער קו' איז געשריבען געווארען נאר פאר די חרדים אל דבר ד' וואס פירען זיך אויפן אמאליגען שטייגער און עס טוט זיי ווייי די אלע זאכען, און ווילען מען זאל זיי מעורר זיין אויפן אמת, אבער פאר די אלע וואס זענען ווייט פון דער אלעם איז א עבירה צו זאגען, און דער קו' איז בכלל נישט געשריבען געווארען פאר זיי, ווייל זיי האלטען זיך קלוגער און זוכען צו פארדרייען דעם אמת, זייער ארבעט איז נאר משפיל זיין די וואס זוכען צו טאהן לכבוד ד' ותורתו הק', און עס וועט אויף זיי במילא קיין שום זאך נישט משפיע זיין איינצוזעהן דעם אמת און פארעכטען זייערע מעשים (ע' מילי דחסידותא מהגה"ק מבוטשאטש סי' שפ"ה ובהקדמת סה"ק ויואל משה). בפרט אז די כוונה פון אונזער ארבעט איז צוצוהעלפען ווייזען די פעלערען כדי מען זאל וויסען וואס צו מתקן זיין, איז אודאי אז צוליב אפאר ליצנים טאר מען זיך נישט צוריק האלטען פון מפרסם זיין דעם ריינעם אמת (ע' חת"ס או"ח ר"ח).

ז) מיר האפען אז דער קונטרס וועט בע"ה ברענגען א התעוררותביים ציבור און דאס וועט מחזק זיין די רבנים מנהיגי העדה און כלל-טוהערס וואס זענען בכח משפיע צו זיין און אויפצוטאהן פאר כבוד ד', וואס אויף זיי ליגט א גרויסער אחריות צו טאהן אלעס וואס עס איז אין זייער מעגליכקייט צו מתקן זיין די אלע זאכען אויף אלע אופנים בדיבור ובמעשה, און נישט לאזען ווייטער דעם גרויסען חילול ד' ובזיון התורה וואס ליידער ווערט דער מצב וואס אמאל ערגער.

ח) דאס איז זעלבסט פארשטענדליך אז הגם דער קו' איז בעיקר געווידמעט אויפן מצב פון אונזערע ערליכע היימישע אידען פון ניו יארק, פונדעסטוועגען איז דאס אויך וויכטיג פאר אידען פון אנדערע פלעצער אויך.

ט) א קליינער טייל פון דעם קו' איז נוגע דירעקט פאר די רבנים און עסקנים (ע' פ"ז ופי"ג), אבער רובא דרובא ענינים זענען שייך פאר יעדען איד וואס פירט זיך בדרך

ד׳, ווייל רוב ענינים וואס ווערען דא דערמאנט זענען פון די יסודי התורה והדת וואס אן זיי איז כמעט נישט מעגליך ציא קענען זיך פירען ערליך און כשר, און ציא קענען אויפציען דורות ישרים יבורך על טהרת הקודש.

י) הי״ת זאל העלפען מיר זאלען קענען טאהן זיין רצון באמת מיט א ריין הארץ,עס זאל נישט ארויסקומען דורך אונזער האנט קיין שום מכשול ותקלה ח״ו, מיר זאלען האבען די זכי׳ עס זאל נתקדש ווערען דעם אויבערשטענס נאמען אויף דער וועלט און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה האמיתית הקרובה בב״א.

### מיר דרוקען דא א טייל פון די הקדמה צום סה״ק „עת לעשות״, פון הגה״ק ציס״ע ר״ה מקאלאמייע זצ״ל וואס איז גילטיג אויך אויף דעם קונטרס.

מיין טייער ספר, וואס קאסט מיך זייער אסאך ביטול תורה און אָן א שיעור דמעות (טרערן), איך שיק דיך אין דער וועלט אריין, און איך זאג דיר אָן אז דו זאלסט קיינעם נישט אויסמיידען, קיין גרויסע שטעט כו׳. דו זאלסט אבער נישט זאגן אדער טראכטן, אז ביי דער היינטיגער פרעכער, פרייער און אומפארשעמטער וועלט „ווער וועט מיך אנזען, ווער וועט מיך אויסהערן, וואו וועל איך קענען פועל׳ן גוטס. איך קען זיי נאך גורם זיין צו טאן מער און מער עבירות, ליצנות, ולעג שאננים, געלעכטער און שפאט כו׳. ווייל אפילו לויט דיין מיינונג, זאג איך דיר אז דיין טירחא און דיין וועג וועט נישט זיין אומזיסט און נישט אומניצליך. ווייל אויב דו וועסט נישט פועל׳ן ביי מענער, וועסט פועל׳ן ביי פרויען וועלכע זענען ווייכהערציג; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי יונגע מענטשן, וועסטו ווירקן ביי אלטע; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי געזונטע וועסטו ווירקן ביי קראנקע און ביי מדוכאים ביסורים, די וואס זענען געפלאגט פון יסורים; ווי אויך ביי אזעלכע וואס זענען פארפלאגט פון די פגעי הזמן, פון פארשידענע שלעכטע צופאלן. אבער לויט מיין מיינונג וועסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן. פארכט דיך נישט! זיי נישט באזארגט! שרעק דיך נישט אפ! ווייל די אידישע קינדער האבן געהאט אן אור־אלטן פאטער אברהם, וואס די תורה שרייבט אויף אים „והאמין בה׳״, אז זיין גלויבן אין השם יתברך איז געווען פעסט און שטארק, ממילא איז דאך די אמונה איינגעווארצלט ביי אידישע קינדער בתורת ירושה, און זייער נאמען איז אויף אייביג „מאמינים בני מאמינים״. דעריבער לויט מיין מיינונג וועסטו זייער א סך ווירקן. א סך אידישע קינדער וועלן דיך קושן, און א סך וועלן ביים לייענען פארגיסן טרערן. און אפילו ווען געוויסע וועלן דיך ווארפן צו דער ערד און טרעטן מיט די פיס, וועט אבער אויך קומען א צייט ווען זיי וועלן דיך ווידער אויפהייבן און ליב האבן, ווייל די צייט איז שוין געקומען און עס דערנענטערט זיך אלעמאל נענטער און נענטער, אז די מענטשן זאלן עפענען די עיני השכל, די אויגן פון פארשאנד, און אנערקענען נאר דעם ריינעם אמת כו׳. דעריבער טרעפט זיך אין דער היינטיגער צייט זייער אסאך הריסות און פירצות התורה און כפיה, גאנצע כופרים כו׳. דער מארגן פון דער גאולה איז נישט ווייט, וואס דעמאלס וועט מקויים ווערן „רוח הטומאה אעביר מן הארץ״ — אז דער יצר הרע וועט אינגאנצן אפגעשאפט ווערן פון דער וועלט, ומלאה הארץ דעה את ה׳״ — די מענטשן וועלן זוכן נאר צו דערקענען דעם ריינעם אמת. און אלע וועלן זיך באשטרעבן נאכצופאלגן די הייליגע תורה שבכתב ושבעל פה תנ״ך און די גמרא פינקטליך אָן שום ענדערונג וגרעון

(פארקירצונג), אויף וואס פאר אן אופן אימער. (נישט אזוי ווי אין געוויסע מדינות וואס דאס פרעמדע געזינדל זאגן אז זייערע „צדיקים״ האבן דעם כח צו פארענדערן דעם שולחן ערוך און צו צעברעכן). און מ׳וועט זיך מער נישט לאזן פירן פון פארשידענע מסיתים, פארפירער, צו זיין פארשקלאפט צו אזעלכע מנהיגים וואס זייער גאנצער תכלית איז נאר להרבות כבוד ועושר, צו פארשאפן זיך כבוד און רייכטום, ווי די הבטחה פון השם יתברך איז „באחרית הימים ומל ה״א את לבבך״ — עס וועט קומען א צייט וואס השם יתברך וועט באשניידן דיין פארשטאפט הארץ, „כי עד ארגיעה לשון שקר ושפת אמת תכון לעד״ — די פאלשע צונג דויערט אזוי לאנג ווי אן אויגנבליק, אבער דער אמת דויערט אייביג. לכן מורא לא יעלה על ראשך, דעריבער זאלסטו דיך נישט פארכטן, ורכב וצלח על דבר אמת, און דו זאלסט באגליקן אין דיין פארנעמען זיך: צו פארשפרייטן און פארברייטן דעם אמת.

# קונטרס
# נחפשה דרכינו

## פרק א

## תורה, תפילה, תפילין, טלית, שעטנז

**עד מתי אתם עושין התורה קרחות קרחות** (ירושלמי מגילה פ"ד ה"א)

א) די הייליגע תורה וואס אויף דעם שטייט די גאנצע וועלט (פסחים ס"ח:), אז מען לערענט תורה טוט דאס דעם מענטש שיצען און ראטעווען אפילו אין די צייט ווען ער איז עוסק מיט אנדערע ענינים (סוטה כ"א.), עס היט אָפּ פון אלעם שלעכטען פון אינגערהייט ביז 120 יאר (סוף קידושין), די הייליגע תורה גיט לעבען, און גיט כח צוא קענען באשטיין אלע שווערע נסיונות (קידושין ל':), דאס היילט אלע קרענק (עירובין נד: וע' ברכות ה.), די תורה און מצות איידלען אויס דעם מענטש מיט גוטע מדות, און נישט צוא זיין אזוי פארגרעבט אין אלע תאוות (ב"ר מ"ד א' ועוד).מיטען כח פון די תורה הק' האט זיך דער כלל ישראל געהאלטען ביז היינט געגען אלע שטרויכלונגען, און נאר דאס קען אונז האלטען ווייטער (כדאי' באוה"ח הק' עה"ת), און וויא אזוי זעהט אויס אונזער תודה לערנען ? דער עולם איז פאריאגט און פארפאלגט אויף די פרנסה,און אין דעם ליגט דער קאפּ מיט אלע חושים, מען האט פשוט נישט קיין צייט און קיין רוהיגען קאפּ צוא לערנען א אידיש ווארט, עס איז דא זייער ווייניג וואס האבען א שיעור קבוע צופרי און ביינאכט אליין אדער מיט א חבר, און וואס זענען דאס נישט מבטל וועגען פארשידענע קלייניקייטען.

ב) שיעורים ברבים איז דא גאר ווייניג, הגם לא אלמן ישראי', דא און דארט זענען דא פארשידענע שיעורים און מען הערט ב"ה א קול תורה, אבער לויטען פראצענט וויפיל עס וואלט געדארפט צוא זיין איז דאס זייער ווייניג, בפרט אויף די הארבע און וויכטיגע הלכות אין או"ח, בפרט הלכות שבת (ע' יער"ד צ"ט, יסושה"ע שער הניצוץ סופ"ו, תניא אגרה"ק פכ"ג, דרך פקודיך מל"ת ל"ב חלק הדיבור, פלא יועץ מער' שבת).

און דאס זעלבע יורה דעה (ח"ב) וואס אסאך אינגעלייט וואס זענען נישט בקי אין די אלע וויכטיגע הלכות וואס מען דארף וויסען צו פירען א ערליכע כשרע אידישע שטוב, דאס עם הארצות איז זייער גרויס, אז מען לערענט נישט ווערט מען עכ"ח נכשל אין הארבע זאכען. און אזוי אויך פארקערט. עס האט זיך שוין כ"פ געטראפען דאס ביי א חשש פקוח נפש האט מען מחמיר געווען אדער געלאפען פרעגען א שאלה, וואס קען ח"ו צוקומען צו א סכנה ד' ישמרנו (ע' או"ח שכ"ח סעי' ב' ובמג"א), און אין אנדערע ענינים דאס זעלבע וואס מען איז אומזיסט מחמיר וואס איז גורם קולות (חומרא דאתי לידי קולא — פסחים מ"ח:). דאס אלעס נעמט זיך פון דעם וואס מען לערענט נישט קיין הלכה. דאס ביסעל פון אלס בחור פארגעסט מען אויך, און 2 יאר נישט לערנען פארגעסט מען לערנען פון 20 יאר (אבות דר"נ פכ"ו ה"ו).

ג) דאס זעלבע איז דא ווייניג בעלי־בתים און אינגעלייט וואס ווייסען אויסצוניצען דעם שבת און להבדיל דעם זונטאג אדער וואקאציע און די אנדערע פרייע צייטען ווען עס

איז נישט דא קיין ארבעט, נאר אויף תורה לערנען און נישט אויף אלע אנדערע נארישקייטען. נישט נאכלויפען נאך אלע הבלים נאר לערנען גמרא און שלחן־ערוך, אויך ספרי מוסר וואס איידעלט אויס דעם מענטש. דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז ווען ער לערנט נישט קיין מוסר איין טאג שפירט ער דאס. וואס זאלען מיר שוין זאגען? שבת ק׳ וואס די בתי מדרשים וואלטען געדארפט זיין פיל, טרעפט מען בעיקר די כולל־אידען וואס לערנען די גאנצע וואך, די ארבעטערס רועהן זיך אויס פון די גאנצע וואך שווערע הארוואניע און אָווער־טיים. די גמ׳ זאגט (ירו׳ שבת סופט״ו) אז דער שבת איז געגעבען געווארען פאר אידען נאר כדי זיי זאלען עוסק זיין אין תורה, און בפרט די וואס ארבעטען די גאנצע וואך זענען דאפעלט דערויף מחויב (ע׳ רמ״א ר״צ סעי׳ ב). דער של״ה הק׳ שרייבט אז אפילו מען ווערט נישט נענש אויף נישט לערנען ווען מען ארבעט אויף פרנסה, אויב אבער שבת און אין די אנדערע פרייע צייטען וואס ער ארבעט נישט איז ער אויך נישט עוסק בתורה, איז דאס א באווייז אז ער האט בכלל נישט קיין ווילען צו לערנען, איז מען עם מעניש אויך אויף די צייט ווען ער ארבעט און קען באמת נישט לערנען. (וע׳ תורת הבית מהח״ח).

ד) דאס זעלבע מזל האט אויך דער הייטיגער דאווענען, דער דאווענען איז אין גלות, ממש בדיוטא התחתונה, דאס דאווענען ווערט זייער שנעל אפגעכאפט כמעט ביי אלע מנינים, קוים וואס עס דערקענט זיך אז מען דאווענט, שבת קומט מען שפעט אין שוהל און מען שמועסט אדורך דעם גאנצען דאווענען, און עס איז וויכטיג צו וויסען אז אפילו וואו מען מעג להלכה מפסיק זיין איז דאס נאר מותר לצורך און אודאי נישט אויף אלע דברים בטלים.

ה) מען ענטפערט נישט נאך קיין אמן וואס דאס איז מסוגל אויף אריכת ימים, אזוי אויך איהש״ר מיט כח און כוונה צוברעכט די מקטריגים און צורייסט אלע גזירות דעות (שבת קי״ט: וע׳ ברכות ג׳.). און נאך געוואלדיגע זאכען. וואו עס ווערט געברענגט אין די ספה״ק (ע׳ כף החיים סי׳ נ״ו אות א־ט־י־חי, וע׳ שו״ע הרב, שמי שאינו עונה הוא מ׳ יום בנידוי, תסמר שערות ראש, וע׳ יסושה״ע שער ד׳ פ״א).

ו) אזוי איז אויך ביים לייענען וואס מען הערט כמעט נישט אויס דעם בעל קורא, מען איז פארנומען שמועסען פאליטיק און פון די ביזנעס. וואס איז אונז נאך דער וואונדער אז עס קומען ליידער פאר פארשידענע אומגליקען ר״ל, אז דער כח התפילה איז זייער אפגעשוואכט, וואס גאנץ כלל ישראל אין אלע וועלטען שטייען אויף אידישע תפילות, און דאס איז גורם אלע השפעות טובות, בפרט תפילת ציבור שאינה חוזרת ריקם (ילקוט ח״ב תת״א וע׳ ח״ב י״ח.). דאס זעלבע איז אויך ווען מען איז מאריך ביים דאווענען און מען האט אינזין וואס מען דאווענט (ברכות ל״ב:).

ז) וואס דאווענען מיינט דארף מען דאך נישט מסביר זיין, אלע ספרים הק׳ זענען דאך פיל מיט דעם. (ע׳ שער התפילה, מגיד דבריו ליעקב, דרך חסידים ושאר סה״ק). און אזוי האט מען געוואוסט אלע יארען, א איד האט זיך דאס הארץ אויסגעגאסען פארען גרויסער באשעפער, וואס דאס האט עם דערנאך געגעבען א חיות אויפן גאנצען טאג. אז מען האט געדארפט א ישועה איז דער אדרעס געווען דאס בית המדרש, דאס תהלימ׳ל אד״ג. און וויא אזוי זעהט דאס היינט אויס בעוה״ר? דער הייליגער תניא שרייבט (אגה״ק פ״א) אז ביי א וואכעדיגען דאווענען זאל זיך נישט צושטעלען צום עמוד נאר א בעל תפילה וואס דאווענט אנדערהאלבען שעה, וויא ווייט זענען מיר פון דעם, דער בעל תפילה יאגט דאס דאווענען אפילו ווען קיינער טרייבט עם נישט (ונסתם ואין רודף אתכם — ויקרא כו, יז), און דער

עולם קען עס נישט נאכלויפען. ווער פארלאנגט ער זאל זיך צושטעלען צום עמוד און זיין א מחטיא הרבים ח"ו?

ח) כמעט וואס מען זעהט נישט א דאוונען מיט ווארעמקייט און מיט כוונה, דאס דאווענען איז ווי א משא (ברכות כ"ט:) וואס מען וויל פטור ווערען דערפון וואס שנעלער, ווען איינער דאווענט וויא א איד קוקט מען עם אן וויא א פרומער, אזוי זעהט מען אויס ביי דעם גאר היימישען עולם בעוה"ר.

ט) שבת ק' וואס מען דאווענט שפעט שחרית דארף מען געווארענט זיין נישט צו פארשפעטיגען ליינען ק"ש פאר סוף זמן.

י) עס איז אונזער פליכט מעורר צו זיין אז בעוה"ר איז דא היינט ביי תפילין גרויסע שאלות, רוב בתים קומען פון ארץ ישראל און מערסטענס פון אומפארלעסליכע קוועלען, און אפילו די וואס זענען יא פון גאר ערליכע אידען מיט א 100 פראצענטיגען חזקת כשרות, איז אבער איבערגעוויזען געווארען אז ביי רובא דרובא זענען דא גרויסע שאלות, ווייל צו מאכען געהעריג מרובע מיט די הענט איז זייער שווער, במילא ווערט דאס געקאלעכט, אויך טרעפט אפט אז די בתים-מאכערס פארקלעבן ממש לעכער מיט קאלעך וואס נאכען אפפארבען דערקענט זיך דאס נישט, און נאך פארשידענע שאלות. במילא דארף מען זייער געווארענט זיין פאר מען קויפט תפילין צו וויסען ווער עס איז דער בתים-מאכער, און זיך איבעררעדען מיט א באגלייבטען סופר א ירא שמים וואס איז באקאנט מיט בתים. דאס זעלבע דארף מען אכט געבען אויף די פרשיות און אויף מזוזות זיי זאלען געשריבען ווערען דורך א סופר מומחה ויר"ש מפורסם. צוליב דעם דיפערענץ פון 50 אדער 100 דאלער וואס עס קאסט מער מהודר'דיגע תפילין איז מען ח"ו גורם אז מען מאכט א גאנצען לעבען ברכות לבטלות, און עס איז וויא ער וואלט בכלל קיין תפילין נישט געלייגט און קיינמאל נישט מקיים געוועזן די מצוה פון תפילין. און ער איז עובר יעדען טאג 8 מצות עשה (מנחות מ"ד.). אויף א אתרוג וכד' וואס איז א מצו' דאוריי' נאר איין טאג, צאלט מען יעדעס יאר נאכאמאל טייער געלט נאר וועגען א הידור, כש"כ ביי אזא געוואלדיגע מצוה פון תפילין וואס מען קויפט איינס צו צוויי מאל אין לעבען און די מצוה איז שקול קעגען די תרי"ג מצות איז דער חיוב פילפאכיג מער.

יא) אויך איז דא פראבלעמען ביי די טליתים, אידען פלעגען אלץ מדקדק זיין ניצען א טערקישען טלית וואס איז געווען מוחזק אלס ריין וואל (צמר) (ע' שלחן העזר קו' ויגד משה ע' כ"ג). איז אבער לעצטענס איבערצייגט געווארען אז די טליתים וואס ווערען היינט געברענגט פון טערקיי זענען א גרויס חלק דערפון נישט ריין צמר און אמאל האט דאס גאר נישט קיין צמר אין זיך, פיהל אידען מדקדקים זענען שטארק איבעראשט געווארען ווען זיי האבען געלאזט איבערקוקען זייער טלית אין א לאבאראטארי און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי האבען אסאך יארען געטראגען נישט קיין ריין וואלענעם טלית, ביי די אמעריקאנער און ארץ ישראל'דיגע טליתים איז דער חשש נאך אפשר שטארקער. ע"כ ברויך מען זייער אכט געבען נישט צו קויפען א טלית ווילאנג דאס ווערט נישט איבערגעקוקט ביי א לאבאראטארי.

יב) די טליתים קטנים וואס ווערט געקויפט מיט די ציצית פארטיג ארויפגעקניפט, וואס דאס זענען מערסטענס פון ארץ ישראל, און עפ"י רוב ווייס מען בכלל נישט אויב די שזירה און טוי' זענען געמאכט לשמה, און אויב דאס איז בכלל געמאכט געווארען אדער ארויפגעקניפט דורך שומרי תו"מ, הגם אפילו ווען מען קויפט די ציצית עקסטרע דאס

אליין ארויפצולייגען דארף מען אויך אכט געבען צו וויסען פינקטליך ווער דאס מאכט, אבער די ארויפגעקניפטע ווייסען די סוחרים עפ"י רוב אליין נישט ווער דאס מאכט, (ע' חת"ס או"ח סי' ר' דבציצית צריך ליקח מיר"ש ואין עד א' נאמן באר'). אזויפיל איז נאר נתברר געווארען אויף זיכער אז זייער פיהל זענען נישט פארלעסליך. דאס איז סיי ביי די ווָאלענע און סיי ביי די לייוועטע, סיי פאר קינדער סיי פאר דערוואקסענע. ע"כ דארף מען אכט געבען נישט קויפען פארטיג נאר ווען ער ווייס זיכער צו דאס איז פארלעסליך.

יג) אין הארבען איסור פון שעטנז דארף מען זייער שטארק געווארענט זיין, רוב מענטשען מיינען אז נאר א ווָאלענעם מאנטעל אדער א קלייד ציא הויזען דארף מען לאזען בודק זיין צו עס איז נישט אריינגעמישט דערין לינען, באמת אבער טרעפט זיך דאס אפט אויך ביי ווָאלענע סוועטערס אדער קינדער־שיך, הענטשוך און העטס און ביי הונדערטער אנדערע קליידונגען וואס עס ווערט אריינגעמישט פעדים פון לינען ביים פארנייען אדער ביים קנעפעל אד"ג, וואס אליין קען מען זיך נישט פארשטעלען אז עס זאל זיין דערין עפעס פארמישט, אבער דאס איז דער פאקט. מען זאל וויסען אז צוליב א פאדים לינען וואס איז פארמישט אין א ווָאלענעם בגד אדער פארקערט, איז מען עובר זייער א הארבען איסור מיט יעדעס מאל וואס מען טוט דאס אן. עס ווערט נישט נתקבל אין הימעל זיין תפילה אפילו ער האט דאס אנגעטאן בשוגג (זוהר הק', וע' קיצור של"ה, וע' טעמי המנהגים חלק ליקוטים אות ל"ד בהגה"ה). ע"כ זאל מען גוט אכט געבען און דאס נישט האלטען פאר גרינג.

יד) שאלות ווערט ווייניג געפרעגט, זאל מען פראבירען די רבנים פרעגען וויפיל מענטשען עס פרעגען שאלות ביי זיי וועט מען זיך דאס קלאר איבערצייגען, יעדער איז היינט א פוסק און א ת"ח וואס קען זיך אליין פסק'ענען שאלות און מדמה זיין מילתא למילתא, אפילו ביי הארבע זאכען.

## פרק ב

# מותרות (לוקסוס)

### עד מתי אתה מכלה ממונם של ישראל (חולין נ"ו)

א) וויפיל אידיש געלט גייט נעבעך לאיבוד, ווייל מען יאגט זיך נאך אלע מיני לוקסוס.

קליידער קויפט מען כסדר נייע און די טייערסטע וואס רייסט די אויגען, און אלעס זעלבסט פארשטענדליך לויט די טרפה'נע מאדע פון די גויאישע גאס, אויך איז איינגעפירט דאס מען גייט כסדר שאפינג, מען זיכט מציאות אין היימישען געגענד וויא אויך אין די מאדערנע סעקשענס. אינגעלייט און בעלי־בתים וואס פארמאגען קוים אויף צום לעבען, זענען געצוואונגען נאכצוקומען אלע אידענישע איינפאלען, ווייל אזוי זעהט זיא ביי אנדערע, וויפיל איידעלע אינגעלייט וואס האבען געלערענט מיט התמדה און זענען געווארען געצוואונגען אויפצוגעבען דאס לערנען ווייל די אידענעס השגות גייט נישט אויף דעם אז אויף תורה מוז מען זיך פלאגען, וויבאלד דער געהאלט קלעקט נישט זיא זאל קענען נאכקומען אלע אירע תענוגים דארף דער מאן גיין ארבעטען,כדי ער זאל קענען נאכגעבען אלע אירע פאדערונגען וואס זיא פארלאנגט, זיא זאל דערנאך קענען

איינהאנדלען קליידונג און לוקסוס לויט וויא די מאדע טוט פארשרייבען (וע' פ"ד אות ז').

ב) אז עס קומט צו א חתונה בשטו"מ דינגט מען א טייערע חתונה־זאל, און מען לאדענט איין פיהל געסט אפילו ביי סתם א בעל בתישע חתונה. דערנאך גרייט מען צו א גרויסע סעודה פון בשר ודגים וכל מטעמים, זיס און זויערס אאז"וו, שוין אפגערעדט פון סוויט טעיבעל וואס איז א פשוט'ער פרעס און א גוי'אישע זאך (ע' פ"ח אות י"ט). וואס דאס אלעס קאסט אפ אוצרות מיט געלט. א גרויסע חלק ווערט דערנאך במילא ארויסגעווארפען אין מיסט וואס איז ממש בעל תשחית.

וואו דער אמת איז אינטערסירט במילא קיינעם נישט וויפיל מיני מאכלים עס ווערט סארוויררט, וויפיל כלי זמר, אדער די שיינקייט פון זאל אד"ג, א טאג שפעטער ווערט דאס אלעס פארגעסען, חוץ די מחותנים וואס בלייבען מיט געשוואלענע חובות, וואס זיי שפירען חדשים און יארען ביז זיי צאלען דאס אלעס אפ.

דער בעל שמחה רופט אזויפיל מענטשען צוליב 2 סיבות, ערשטענס ווייל ער קען נישט טאהן אנדערש וויא די גאנצע וועלט, צווייטענס אז עס זאל זיך חלילה נישט זיינס א גוטער פריינד באליידיגען און עם פאראהאלטען אז היתכן ער האט נישט געלאדענט אזא גוטען ידיד וכדומה. ווייטער די געסט קומען אויך נאר בעיקר כדי אנצוטאהן דעם כבוד פאר די מחותנים זיי זאלען נישט האבען הקפדה אז מען איז נישט געווען. ביי די סעודה זענען די מחותנים פארנומען צוצושטופען יעדען זיך צו וואשען עסען, מיט דעם פחד עס זאל נישט גיין לאיבוד דאס גאנצע הארוואניע.

דאס איז איינע פון די סיבות וואס די געסט מוזען געבען דרשה־געשאנק א פעטען טשעק חק ולא יעבור, די מחותנים זאלען האבען פון וואו צו דעקען א חלק פון די ריזיגע אויסגאבען. און עס זענען דא פיהל אידען וואס זענען פשוט נישט ביכולת, בפרט וואס עס זענען קע"ה דא אפט שמחות כ"י, און די מתנה הוצאות איז א היבש גרויסע, און אהן דעם ערלויבט מען זיך נישט נהנה צו זיין פון סעודת חתן, וויא דאס וואלט געווען א רעסטאראנט וואס מען מוז באצאלען וואס מען עסט.

אויך לכבוד דעם זענען אסאך בעלי בתים מבטל כסדר דעם תורה־שיעור וואס איז אין די חתונה שעה'ן. דארט וואו יעדער וואלט רוב מאל געווען גרייט מוותר צו זיין פון זיך משתתף זיין, ווען נישט די דערמאנטע טעמים.

אין ירושלים און אין בני ברק ת"ו זענען לעצטענס די רבנים נתעורר געווארען, און זיי האבען געמאכט תקנות געגען אויסברענגעריי, פארוואס זאל מען דאס נישט איינפירען דאהי אויך ?

*ב) מען קויפט א רינג און אנדערע צירונג, וויא אויך אנדערע מתנות פאר שווערע טויזענטערס, זייגער, כלי זמר וכו' פאר טייער געלט, טייערע איינלאדונגען קארטס, חתונה בילדער וואס איז בעצם נישט קיין אידישע זאך (ע' שו"ת דברי מלכיאל ח"ג נ"ח, וע' ביע"ד י"ד. ששורה על כל תמונה.רוח טומאה רח"ל). בפרט נאך ביי חתונות וואס מען מאכט די חתונה אויסזעהן וויא א טעאטער רח"ל, און כש"כ ביי די חופה וואס דער זמן איז וויכטיג צו מאכען א חשבון הנפש פאר חתן כלה און מחותנים, און מען באשטעלט די מאווי־פיקטשערס פאר גרויס געלט. אלע סארט טייערע בלומען פאר ביטער געלט.

**ב) די מעבעל מוז זיין די שענסטע און טייערסטע, פון אויסלאנד באשטעלט ספעציעל, און עס איז דא טיפשים וואס אפילו עס איז נישט אזוי שיין און שטארק, איז

דאס גארנישט קיין פעלער אבי עס קאסט טייער, ווייל אויב דער סוחר זאגט אז די מעבל איז ביליג, הייבט מען נישט אהן קוקען און פארהאנדלען, אלעס ווערט געטאן נאך דעם וואס דער סוחר פארזיכערט אז די מעבל וועט קאסטען שווערע טויזענטער, (און די זעלבע ממש איז מיט דעם שטריימעל, וואס קאסט א געוואלד) און מען ווארפט די טויזענטערס שווער פארדינט געלט אויף גארנישט, און דאס אלעס ווייל מען וויל נישט זיין אינטערדשטעליג פון די משפחה אדער פון די חבר׳טע וכדומה, וואס יענער האט דאס אויך נאר געקויפט צוליב דעם זעלבען טעם, און אויך מיטען נארישען חשבון אז אזעלכע זאכען קויפט מען נישט יעדען טאג.

ג) אזוי אויך די דירה ווערט אויסשטאפירט מלכות׳דיג וויא אנגעגרייט פארען קייזער אליין, טייערע טעפיכער, פירהאנגען, קאטשעס, שענדעלידס, בלומען וכו׳ און א גרעניץ, און אלעס פאר טייער אנגעהארעוועט געלט, און דאס זעלבע איז ביים אויפיקסען די דירה, וואס מען טוט שפענדען דערויף טויזענטערס, וואס וויפיל מאל טרעפט זיך אז מען מופט ארויס פון דארט נאך אפאר יאר, און דאס געלט איז געגאנגען לאיבוד, אויך די צייט און כוחות פון די אידענע גייט אוועק אויף צו פיצען און דייניגען די אלע טייערע זאכען, אזוי אז קיין צייט אויף ערענסטערע ענינים בלייבט שוין נישט איבער. און אז דערנאך האט מען קליינע קינדער, ליידען זיי אפ א גיהנום טאמער זיי האבען די מעבל אד״ג געשעדיגט אביסעל וואס קאסט טייער געלט און ארבעט. אויך איז פארשטענדליך אז ווען א גאסט קומט אהן איז עם זייער שווער אריינצולאזען אין אזא באקוועמע און אויסגעפוצטע דירה (ע׳ אהבת ציון דרוש ה׳).

ד) אויף די אלע זאכען ווארפט מען זיך מיט שווער געלט, און דאס איז אלעס ביי די ארימעלייט וואס זענען אסאך מאל אנגעוויזען אויף הלואות, וויא ער וואלט געווען דער גרעסטער נגיד. און אלעס לויט וויא עס פארלאנגט די אידענע און די כלה, דער טאטע איז נישט בעלעבאס, (כספם בחוצות ישליכו וזהבם — יחזקא׳ ז׳ י״ט). עס ווערט אויסגעברענגט אידיש געלט אויף הבל וריק. די גמ׳ זאגט (ביצה ט״ז.) אז די פרנסה פון יעדען איד ווערט באשטימט ראש השנה, במילא דארף מען אכט געבען נישט שווענדען געלט ווייל דאס ווערט נישט ערזעצט פון הימעל (רש״י שם וע׳ משנה ברורה סי׳ תקכ״ט בבה״ל ובפלא יועץ אות לבישה ובדרשות חת״ס ח״ב ע׳ שכ״ז, ובמעלות המדות מער׳ הסתפקות).

ה) די אלע זאכען ברענגען צוא אז מען מוז ארבעטען אווער־טיים, וויפיל מאל ווערט דאס דאווענען צוליב דעם אפגעכאפט, און וויפיל מאל דאווענט מען אינדערוואכען ביחידות לכבוד דעם, וויפיל בלעטער גמרא וואלט מען געקענט לערנען אין די צייט, די קינדער קומט נישט אויס צו זעהן כמעט דורך די גאנצע וואך, און זיי האבן אודאי נישט די געלעגענהייט צו הערען פון טאטען א דבר מוסר און הדרכה, ווייל דער טאטע איז דאך ביזי ביי דער ארבעט, אז ער קומט אהיים ביינאכט איז שוין נישט דא קיין צייט און כח צו לערנען א אידיש ווארט פאר זיך, און כש״כ מיט די קינדער. מען ארבעט ממש וויא א בהמה להבדיל, צו דעקען די אלע אנגעזאמעלטע חובות, אדער זיך אביסעל אפשפארען פאר די אלע צוקונפטיגע הוצאות וואס עס דארפען קאסטען די אלע טייערע אויסברענגערייי, און דאס איז אלעס כדי צו קענען נאכקומען אלע אידענישע און להבדיל די גויאישע קאפריזען.

ו) אזוי אויך ביי אנדערע שמחות וויא תנאים, שבע ברכות, קידוש, בר מצוה וכו׳, וואס מען גרייט צו גרויסע סעודות און מען לאדענט פיל געסט, וואס דאס אלעס איז אין די פריערדיגע יארען קיינמאל נישט געווען איינגעפירט, אז מיטעל שטייענדיגע בעלי

בתים זאלען זיך צוגלייכען צוא די וואס זענען יא ביכולת אן צו מוזען זיך דערויף אנשטרענגען, און אן דעם אז זיי זאלען מוזען מותר זיין לכבוד דעם אויף אידישקייט זאכען. הגם עפ״י יושר וואלט דער בעל היכולת אויך נישט געדארפט מאכען גרויסע זאכען וואס רייסט די אויגען פון נארישע מענטשען פונדעסטוועגען איז דאס נישט קיין תירוץ פאר די סתם בעלי בתים וואס זיי מיינען אז זיי מוזען דאס נאכטאהן.

ז) אין אסאך קהילות פלעגט צו זיין איינגעפירט שטרענגע תקנות צו באווארענען די אלע זאכען. זאל מען זיך גוט באַרעכענען וואס מען טוט.

אז מען האט די זכי׳ בע״ה חתונה צו מאכען א קינד, וואלט מער מצוה געווען צו געבען דאס געלט אויף אויסצוהאלטען די קינדער אפאר יאר, דער איינגערמאן זאל קענען נאך די חתונה ווייטער לערנען (אויב ער האלט דערביי), און נישט ער זאל מוזען באלד נאך די חתונה גיין אין א דזאב ארבעטען און פרישערהייט ארייננפאלען אין אלע נסיונות פון די גאס, מיט דעם וואלטען דאך די עלטערען זיך געקויפט ביידע וועלטען, וואס דער עיקר וואס די עלטערען ווינטשען זיך איז דאך אז נאך די גאנצע הארעוואניע זייערע זאל זיי דער אייבערשטער געבען די זכי׳ צו זעהן אמת׳דיג אידיש נחת ביי די קינדער. וויא אויך ווען מען נעמט א סומע געלט און מען צוטיילט דאס אויף צדקה, וויפיל ארימע משפחות וואס מען וואלט געקענט ממש מחי׳ נפשות זיין, דאהי וויא אויך אין ארץ ישראל ארימע יתומים ויתומות, וויפיל קראנקע און צובראכענע מענטשען וואס זענען אין א שווערען צושטאנד, וואס זענען אויף געהאקטע צרות, אזוי אויך גרעסערע משפחות וואס האבען ממש נישט אויף דאס נייטיגסטע, און אסאך וואס מוזען אפשטופען די חתונה צוליב געלט, מען וואלט געקענט זייער אסאך אויפטאהן מיט אזויפיל אידיש געלט, וואס מען איז מאבד מיט די אייגענע הענט, אן א חשבון נאר נאכצוגעבען דעם יצה״ר צו זיין גלייך מיט אנדערע. עס וואלט דאך געווען מער נחת רוח פאר ד׳ יתברך ווען מען קויפט מעבעל איינרישונג און אנדערע זאכען פאר ביליגער, און מען פארקלענערט די חתונה־הוצאות, און מען צוטיילט דאס געלט אויף די דערמאנטע צוועקען, אידישע געברויכען זענען פיהל, נאר דער פארשטאנד איז קורץ (ברכות כ״ט:). ביי די וואס פארשטייען נישט אז דאס איז פיל וויכטיגער וויא דאס געלט אויף נארישקייטען אויסצוברענגען.

## פרק ג

## דערווייטערען זיך פון די דרכי הגוים

### עד מתי משועבדים אנו לידו של עשו (דב״ר א׳ כ׳)

א) ביז היינט האט זיך כלל ישרא׳ געהאלטען מיט דעם כח וואס מען האט געהיט אויף „ואבדיל אתכם מן העמים״, „והייתם קדושים״ (ויקרא כ׳ כ״ו), אין אלע דורות האט מען געוואוסט אז מיט א גוי טאר מען נישט האבען קיין מחזקות, ווייל ער איז מטמא במגע ובמשא, מען האט זיך פון זיי דערווייטערט מיט אלע מעגליכקייטען נישט צו האבען קיין פארקער מיט זיי נאר וויפיל מען מוז עכ״ח, און אין דעם זכות האט דער אויבערשטער אלץ געהאלפען אז מען האט זיך געקענט פירען ערליך.

אין אונזער דור האט דאס אלעס אויפגעהערט, הגם בחיצוניות דאכט זיך אז עס איז גאר בעסער וויא אמאל, אבער דער אמת איז נישט אזוי נאר ליידער פארקערט. עס טוט וויי דאס הארץ אז מען מוז רעדען און שרייבען וועגען אזעלכע זאכען, אבער עס איז

א חיוב גדול צו דערמאנען, ווייל מיר לעבען אין א טאפעלטען גלות, א דור יתום וואס עלה הפורץ בגבולינו,די גבולות וואס האט אונז טויזענטער יארען אפגעשיידט און דערווייטערט פון די גוים זענען צובראכען געווארען.

די גויאישע דרכים וואס האט זיך צוא אונז ארייגעכאפט לעצטע יארען ווערט אלץ ארגער, און עס ווייס נישט פון קיין שום אפהאלט, און פונקט וויא די גוים הטמאים ווערען אלץ מער געזינקען, איז דאס משפיע אויף אונז וואס מיר האבען זיך געוואוינט אלץ נאכצוטאהן די גוים די רשעים. מען לעבט צוזאם מיט די גוים, מען ציהט די פרנסה פון זיי, וואס די חז"ל זאגען (כתובות ק"י:) אז דאס וואוינען אין שטאט שאדט צו אידישקייט (ע' פרק ו'), און נאך בפרט היינט וואס די בושה האט אינגאנצען אויפגעהערט, אמאל האט מען זיך אפילו ביי די גוים געשעמט עפענטליך זייער שמוץ ארויסצואווייזען, אבער היינט ווערט שוין אלעס געטאהן אפען.

די פארבינדונגען מיט די גוים האט מען אויך אין די געשעפטען די שאפס און אפיסעס און אין קאנטרי אאז"וו. די אלע זאכען זענען משפיע אויף א מענטש און נאך מער אויפען חינוך פון די קינדער, די צאן קדשים וואס מען הארעוועט דאך נאר אויף דעם צוא קענען מגדל זיין ערליכע אידישע דורות און זעהן אידיש נחת בעה"י.

ב) כמעט אלע שטובער אפילו ביי די גאר היימישע זענען פארפלייצט מיט זייערע שעדליכע השפעות דורך די „**ראדיא**" וואס דאס איז שוין ליידער איינגעריסען ביי רוב פון די שענסטע אידישע היימען ד' ישמרנו. [אויף **טעלעוויזיאן** וואס איז דער מקור השחתה, איז ארויס א הארבער איסור פון אלע גדולים וצדיקים וואס דער וואס האט דאס איז זיכער אז ער איז אינגאנצען פארדארבען אין אלע ענינים].

וויא אויך ליינט מען אלע טרפה'נע **צייטונגען** וואס זענען פיל מיט די ערגסטע שמוץ, און דאס זעלבע מיט די אלע מיני גויאישע ביכער און פאסט **מאגאזינען** וואס זענען פיל מיט מינות און דברי כפירה, ליצנות, נוול פה און דעות כוזבות און אויך דברי חשק רח"ל, און ביי א טייל אויך אלע מיסע בילדער, און אלע אנדערע זאכען וואס מען איז צוליב זיי נישט זוכה מקבל צו זיין די שכינה הק' (סוטה מ"ב.).

ג) דאס איז אלעס חוץ די גויאישע השקפה און אלע זייערע נארישקייטען וואס מיט דעם זענען פיל אפילו די בעסטע סארט ליין מאטריאל. וואס די אלע זאכען טוען פארשטאפען די הארץ מיט די אויגען, דאס איז א געפערליכער סם וואס פילט אן דעם קאפ מיט מיסט, רעסטגלייכען די **רעקארדס** און **טעיפס** פון גויאישע ניגונים און מוזיק וואס איז א איסור גמור צו הערען (ע' באר יהדא על חרדים ע' קנח). די אלע זאכען האט א סתם איד מיט 2-3 דורות צוריק זיך געעקעלט אנצוקוקען כאטש עס איז נישט געווען אפילו א קליינער טייל אזוי שלעכט וויא די היינטיגע, אמאל וואלט מען אזא איינעם נישט צום מנין מצרף געווען און אודאי נישט זיך געחבר'ט מיט עם אדער מיט די קינדער. איינער וואס איז געווען פיל מיט די מיסט האט מען געקוקט אויף עם וויא אויף א שגץ און ער האט זיך געשעמט דעם פנים ווייזען צווישען ערליכע אידען. און היינט שעמט מען זיך שוין גארנישט מיט די אלע זאכען אפילו ביי די חשובסטע שיינע מזרח-אידען, וויא די אמאליגע תורה הק' וואלט ח"ו אויפגעהערט.

ד) אויך הערט מען ראדיא אין די קארס אדער ווען מען באזוכט אנדערע און מען שעמט זיך צו הייסען דאס אויסלעשען. דאס זעלבע אין די קאנטריס, דזאבס, אדער ווען מען גייט צוא א דאקטער, וואס מען געוואוינט זיך דערמיט איין. דאס זעלבע מיט די

קינדער וואס אפילו ביי זיי אינדערהיים האט מען דאס נאך נישט, ווערן זיי אבער מושפע אויף די דערמאנטע אופנים, אזוי אז דערנאך זעהט מען שוין נישט דעם פעלער דערפון, דארף מען טאקע דעריבער זייער געווארענט זיין דערויף, און אויך אויף די קינדער זייער אכט געבען, ווייל אסאך קינדער פון ערליכע שטובער זענען דורך דעם קאליע געווארען אומדירעקט.

ה) די אלע זאכען מאכען דעם מענטש קאלט אין אידישקייט, די גאנצע השקפה ווערט איבערגעדרייט. וואס פאר א געפיל קען מען האבען צו דברים שבקדושה אז דער קאפ איז אנגעפילט מיט די גויאישע געדאנקען וואס פאראומרייניגט דאס אידישע הארץ, און די אידישע חלק פון ראדיא און די אידישע צייטונגען זענען נאך אין געוויסע פרטים אסאך ארגער וויא די גויאישע, די אלע וואס ליגען אין די אלע טינופת איז נישט מעגליך אז זיי זאלען קענען פירען א שטוב עפ״י דרך התורה אן פשרות וויא עס ברויך צוא זיין, און וויא מען האט זיך געפירט ביי ערליכע אידען אין אלע דורות, מיט תמימות און ערליכקייט על טהרת הקודש, די אלע זאכען האבען שוין ליידער זייער אסאך משפחות צוגרונט געלייגט און אראפגעפירט פון אידישען וועג, דער יצה״ר פארשטעלט די אויגען, מען וויל זיך אין יענעם איינרעדען אז מען טוט גארנישט, מען לייענט און מען הערט נאר אביסעל נייעס, וואס איז דען אין דעם דער חסרון ? אבער דאס איז א אפענער שקר, דער אנהויב איז טאקע נייעס אבער דערנאך אז דער יצר הרע האט עם שוין אין די הענט, הערט ער שוין אלע מיסטען און אפיקורסות און מוזיק, און אפילו די נייעס אליין איז אויך אנגעפילט מיט די גויאישע געדאנקען וויא באוואוסט, און מען נארט נאר זיך אליין. און חוץ דעם ווער גאראנטירט דאס אויך זיין פרוי הערט נישט נאר נייעס, וואס אפי׳ זיא דארף נישט תורה לערנען אבער דברים אסורים און מוזיק און כש״כ דברי כפירה טאר זיא נישט הערען פונקט אזוי וויא א מאן און אפשר נאך וויניגער ווייל פרויען זענען דעתן קלות (שבת ל״ג) און אויף זיי איז דאס שנעלער משפיע בפרט אז זיי האבען דאך נישט געלערענט תורה צו קענען זיך מתגבר זיין אויף די נסיונות. און אויסער דעם הערען דאך די קינדער דאס צו, זיי דארפען דאך נישט זיין מער צדיק וויא טאטע מאמע, און די שלעכטע השפעה דערפון איז איבריג צו שרייבען, דאס פארדארבט זיי אינגאנצען אפ אויף אייביג רח״ל, צו דאס איז די ראדיא צו די צייטונגען אדער ביכער וכד׳.

דער אמת איז אז עס וואלט זיך אויף די דערמאנטע זאכען געפאדערט מער אויספירליך צו שרייבען און נישט אזוי בקיצור, ווייל דאס זיינען פון די הארבסטע זאכען וואס לייגען אלעס צוגרונט און וואס איז אזוי שטארק איינגעריסען איבעראל, נאר אויף דעם פאדערט זיך א באזונדער קונטרס, און מיר זענען דא נאר אויסען צו דערמאנען בקיצור די אלע מכשולים (ע׳ בהקדמה).

ו) די גאס איז פארפלייצט מיט אלע מיסע עקלהאפטע בילדער, יעדע זאך וואס מען קויפט איז דא דערויף נישט קיין שיינע בילדער, וויא קינדער־וועש, שפילצייג, קאלאר ביכער, און יעדע צווייטע זאך וואס קומט אריין אין האנט, און מען באמערקט נישט וויא שעדליך די אלע זאכען זענען פאר די קינדער.

ז) צו דעם אלעם איז אויך איינגעפירט אין אלע שטובער דאס רעדען ענגלי״ש, און בפרט ביי די פרויען און מיידלעך וואס רעדען כסדר ענגליש איבערהויפט צווישען זיך, דאס איז אינדערהיים און אזוי אויך אין סקול (ע׳ פרק יא), די מיידלעך קענען כמעט נישט קיין אידיש רעדען, די חז״ל האבען דאך געאסערט צו רעדען גויאיש מען זאל זיך

נישט מחבר זיין מיט די גוים (חת״ס אה״ע ח״ב סי׳ יא, מובא במשכיל אל דל ח״א כלל י׳ פרק א׳ ע״ש באריכות גדולה דברים נוראים, ובקה״ע שבת פ״א ה״ד שהיא מהי״ח גזירות), און דאס איז שוין היינט נישט קיין שום פעלער, און חוץ וואס דאס איז נישט קיין אידישע זאך שאדט דאס זייער צום חינוך. און דאס איז איינע פון די גרויסע גורמים וואס די מיידלעך געוואוינען זיך ליינען ביכער וכו׳ ווייל דאס איז זייער מוטער שפראך מיט וואס זיי ווערן אויפגעצויגען, במילא איז זיי גרינגער צו ליינען גויאיש.

דאס איז דער זעלבער טעם וואס זיי קוקען כמעט נישט אן קיין אידישע ספרים, ערליכע מעשיות פון צדיקים, מוסר ספרים און הלכות וואס זענען וויכטיק פאר פרויען און מיידלעך, וואס די ספרים זענען דא היינט ב״ה לרוב, עס איז דא היינט א גרויסער אויסוואל אויף הונדערט פראצענט ערליכע אידישע ספרים, נאר ליידער רירט מען זיך נישט צו דערצו. די ספרים־סוחרים רעדען זיך אפ אז לויטען גרויסען פראצענט אידישע איינוואוינערס כ״י איז כמעט לעכערליך די צאל פון אידישע ספרים וואס ווערט פארקויפט, וויא דאס וואלט געווען געמאכט נאר פאר יחידי סגולה אדער פאר רביצינס, און הגם עס איז נישט קיין חיוב פאר פרויען צו לערנען (ע׳ טו״ז מ״ז סק״י), אבער אויף דעם פלאץ וואס מען שטאפט זיך אן מיט אלע טדפה׳ס צו פארטרייבען די צייט וואס זענען אסור, זאלען זיי ליינען די ספרים וואס איז מסוגל אויף אײדלקייט און ירא״ש, תמימות און קדושה (ע׳ משכיל א״ד ח״ב ס״ד ויע״ד ח״א ע״ח רמ״א יו״ד רמ״ו סעי׳ ו׳, וע׳ הכנה דרבה אות ט״ו עש״ה. וע״ע פי״א אות ב׳).

ח) אסאך בעלי־בתים און אינגעלייט וואס פארען אין א האטעל אדער אנדערע ערהוילונגס פלעצער וואס כמעט אלע די פלעצער איז דאס הפקידות מורא׳דיג אין אלע הינזיכטען, דארט איז מען זיך אינגאנצען פורק עול, עס איז גאר דא אזעלכע וואס וואטשען טעלעוויזיאן, און אז נישט במזיד ווערט ער עכ״פ נכשל גייענדיג און קומענדיג ווייל די דאזיגע טמא׳נע כלי איז דא אין אלע לאביס אד״ג, אויך גייט מען צום ביטש און אין אנדערע לוסט פלעצער, און עס איז שוין דא גאר היימישע אידען און אינגעלייט וואס האבן זיך אויסגעלערנט דאס נאכצוטאנצען, אויך דאס כשרות איז כמעט אין ערגעץ נישט פארלעסליך אפילו בשעת הדחק, און טייל מאל עסט מען בתערובות רח״ל.

עס איז דא היימישע קינפעטארינס וואס פארוויילען די צייט אין שפיטאל מיט וואטשען טעלעוויזיאן רח״ל און אויך מיט אנדערע מיסטיגע ביכער.

ט) עס איז דא אינגעלייט וואס פארען אפילו אינמיטען יאר זיך אונטערהאלטען אויף שויס, רעיסע״ס, לוסט רייזעס, און אנדערע ענליכע פלעצער וואס איז שווער זיך פארצושטעלען מיטען געדאנק. דאס אלעס לערנט מען פון די גוים להבדיל וואס ביי זיי ליגט דער גאנצער פוסטער און ליידיגער קאפ וויא אזוי צו האבען פאן און א גוד טיים, און דאס אלעס טועהן מיר נאך, וויא מען וואלט נישט געהאט בעסערס מיט וואס אנצופילען די צייט נאר מיט אזעלכע פראסטע שטותים און הבלים. און עבירה גוררת עבירה דורך דעם געוואוינט מען זיך איין צו אלע גויאישע תועבות, און מען קומט צו פארשידענע איסורים, און נישט זעהנדיג גליטשט מען זיך בארג אראפ ל״ע. (וועגען קאנצערטען זעה פרק י״ד אות ב).

י) אז עס קומט א חול המועד, וואלט זיך געפאסט אויסצונוצען אזעלכע הייליגע טעג אויף דברי קדושה, איז אבער דער מנהג אמעריקע אז מען מוז פארען אהער און אהין און עפ״י רוב אויף פלעצער וואס איז א איסור גמור, און אויך געוויסע מוסדות האבען

איינגעפידט חוה"מ פראגראמען וואו מען פארט זיך אינטערהאלטען, אזוי איז מען מחנך די קינדער. און דאס אלעס ווערט געוועגליך באגלייט מיט א גרויס תערובות סיי אויף די באסעס און סיי אויף די פלעצער וואו מען פאדט וכד' וכד', וויפיל מכשולים האבען שוין די סארט צייט-פארברענגערס מיטגעברענגט מיט זיך ואכ"מ.

יא) עס שטייט אין די ספרים הק' (ע' מסילת ישרים בהקדמה) אז דער יצר הדע פארלייגט די כוחות אז דער מענטש זאל נישט האבען קיין צייט ארייגצוטראכטען וויא ער האלט אויף דער וועלט. איינע פון די היינטיגע מכות וואס מען האט פון גוי זיך אפגעלערענט איז דער גרויסער יאגעניש (הארי אפ), שטענדיג איילט מען זיך, במילא קומט נישט אויס קיין צייט אויף קיין שום דבר שבקדושה, נישט צום לערנען און דאווענען און נישט אויף מצות ומע"ט, נישט אויף מדריך זיין די שטוב אויפן ריכטיקען וועג, די קינדער מוסר'ן און לערנען א ווארט, די מאמע האט אויך נישט קיין צייט צו די קינדער, זיא האט נישט קיין צייט צו באקען חלות און זאלצען פלייש און אמאל אפילו קאכען אויך נישט, אלעס נאר קויפען פארטיג, חוץ אויף אדומצולויפען אין די גאסען איז דא גענוג צייט, וואו איז דער טוב פת חריבה ושלוה בה (משלי י"ז א׳)? וואס איז נישט גוט צו לעבען וויא אמאל וואס מען האט נישט געוואוסט פון די אלע היינטיגע מעשיות און מען האט ב"ה געלעבט פיהל רוהיגער וויא היינט, מען האט געלעבט בשלו' איש תחת גפנו כו', מען האט נישט געוואוסט פון אזויפיל הארץ ליידענדע און אנדעדע קרענק רח"ל, וואס איז היינט דא אזויפיל פון הארעווען און יאגען טאג און נאכט ווי א בהמה. די אלע וואס ליגען נישט אזויפיל אין לוקסוס געלויף נאכצוקומען אלע תאוות און אידענישע שגעונען לעבען אסאך בעסער, זיי זוכען נישט צו האבען אלעס וואס דער שכן אדער להבדיל דער גוי פארמאגט זיי געבען אוועק אביסעל צייט פארען רבוש"ע, פאר די אייגענע נשמה, און פארען חינוך פון די קינדער. זיי האבען דעם אמת'ן אידישען נחת ביז הונדערט און צוואנציק יאר, חוץ דעם אמת'ן נחת אויף יענע וועלט, זיי עסען זיך נישט אן מיט אזויפיל צער און עגמת נפש. וואס וויניגער מען האט שייכות מיט גוים איז בעסער, און וואס וויניגער די אידענע דרייט זיך אין די גאסען און אין די דערפארטמענט סטארס וואס רייצען די אויגען זענען די הוצאות פיל קלענער און אויך די דאקטוירישע בילס זענען קלענער, ווייל דעמאלס זעהט מען איין אז עס איז נישט אזוי וויכטיג צו די פרנסה צו ארבעטען צעהן-צוועלף אדער מער שעה'ן אין טאג, דאס איז אלעס א גרויסער קייט וואס איינס ברענגט דאס צווייטע ביז דאס פיהרט ח"ו צום אפגדונד.

יב) נאך א גויאישער מנהג איז איינגעפירט ביי אונז וואס ברענגט אן אלע צרות, דאס איז וואס די נשים צדקניות זענען געווארען די געוועלטיקערס די מושלים בכיפה (ע' סה"ק חיים ושלו' עה"ת מהגה"ק ממונקאטש זי"ע פ' ויצא ד"ה ויקח יעקב), די פרויען זענען געווארען די בעלי בתים און זייער ווארט איז דער פוסק אחרון אין אלע ענינים. די גמ' זאגט (ב"מ נ"ט. וע"ע גיטין ו׳.) אז ביי וועלטליכע זאכען פארשטייט א אידענע אמאל בעסער ווי א מאן, אבער ווען עס האנדעלט זיך אין אידישקייט זאכען, דארף דער מאן זיין דער איינציגער ווארט-זאגער, ווייל פרויען האבען א שוואכען כאראקטער (שבת ל"ג.), זיי זיכען נאר וואס עס איז בעסער בגשמיות אפילו מען מוז צוליב דעם מוותר זיין אויף אידישקייט זאכען, די אידענעס זענען די בעלי דיעה אין וועלכען פלאץ דאס קינד צו געבען לערנען, און וויא געוועגליך זענען זייערע השגות זייער שוואך אין די זאכען. זיי טיילען איין וואס איז כשר צום עסען, זיי באשליסען אין וועלכע קאנטרי צו פארען אפילו די חברותא טויג נישט, זיא האט דעם ווארט וויא די מיידלעך זאלען גיין ארבעטען, זיא קליידעט זיך לויט איהרע

אייגענע געפיהלען, און דער מאן דארף קוקען און שווייגען, ווייל אז נישט ברעכט באלד אויס א קריגעריי, און דאס זעלבע אין אלע אידישקייט זאכען.

אז מען איז מעורר א איד צו א אינגערמאן היתכן ! פארוואס ביי עם איז עפעס נישט אין ארדענונג ? איז באלד די תשובה אז זיין ווייב די עזר **כנגדו** וויל אזוי, און ער קען זיך דאך נישט קריגען מיט איהר, ווייל דאס וועט שטערען דעם שלו׳ בית, חאטשיג אויף א צוגעברענטען אדער געזאלצענעם נאכטמאל וועט ער יא שטערען דעם שלו׳ בית און זיך קריגען, אבער ביי אידישקייט זאכען און אין וויכטיגע יסודות׳דיגע ענינים איז ער מוותר צוליב שלו׳ בית. אבער דאס איז פאלש, אז עס האנדעלט זיך אויף עיקרי התורה דארף מען זיך יא פארלייגען און נישט מיט קריגערייען, נאר מיט שיינע און גוטע רייד קען מען פיהל מער אויפטאהן (אלו הנשים תאמר להן בל׳ רכה — רש״י שמות י״ט ג׳), נאר דאס איז אלעס אז ער האט צייט, אבער אז ער האט פארען אייבערשטען נישט קיין צייט אפגעשפארט איז זיכער גרינגער צו לאזען איהר טאהן וואס זיא וויל וויא זיך שטעלען מסביר זיין און איהר ארויפיהרען אויפען ריכטיגען וועג, און ווייל די אידענעס דרייען היינט דאס רעדעל, האלטען מיר בעוה״ר אין אזא מצב(וי״ד דברים קשים ואשה רעה מכולם — קה״ר ז׳ כ״ו).

יג) דער עיקר יסוד ביי אידען איז דער עולם הנצחי, וואס צו דעם קען מען נישט צוקומען נאר אין 2 זכותים (ברכות י״ז), איינס מיט דעם וואס מען האט חתונה און מען שטעלט אויף א אידישע שטוב. דאס צווייטע איז אין זכות פון די קינדער, וואס דאס איז דאס וויכטיגסטע אויף וואס דער כלל ישראל האט זיך אלעמאל געהאלטען (אם אין גדיים אין תיישים — ויק״ר יא ז ע״ש), און **אונזער חיוב איז צו האבען א פיהלע שטוב מיט קינדער** זיך צו קענען מיט זיי אפגעבען און אויפציען צו זיין ערליכע אידען מיט תורה און יראת שמים. אז מען האט שכל צו דעם אפילו מען פלאגט זיך טאקע מיט זיי און עס קומט אהן שווער, אבער דער אויבערשטער העלפט אז מען זעהט דערנאך אסאך אידיש נחת ביי די קינדער, ווען זיי פיהרען זיך אויף ערליך און זענען מכבד די עלטערען איז נישט דא קיין גרעסערער עולם הזה, חוץ דער געוואלדיגער שכר אויף יענע וועלט.

אבער בעוה״ר איז איינע פון די גרעסטע חורבנות אז מען האט זיך פון די גוים אפגעלערענט דאס פארקערטע, ווייל ביי זיי איז דער עיקר די וועלט, נאכצוגעבען אלע תאוות און מער גארנישט. און די קינדער איז נאר אזויפיל גוט ווילאנג דאס שטערט נישט אלע אנדערע גשמיות׳דיגע תענוגים, וויבאלד אבער דאס קען זיין א שטערונג איז מען דאס מבטל אינגאנצען. דאס קענען ח״ו אונטערברענגען דעם גאנצען כלל ישראל, וואס ביי אונז איז די וויכטיגסטע זאך די קינדער, צו קענען אויפציען צו זיין ערליכע אידען עס זאל ארויסקומען בע״ה א דור ישרים יבורך.

יד) און אזוי איז דא נאך פארשידענע וועגען וויא אזוי דער גוי האט זיך צוא אונז אריינגערוקט, וואס דאס איז דער גרעסטער גורם צוא די אלע זאכען וואס ווערט אין דעם גאנצען קו׳ אויסגערעכענט, בפרט די שלעכטע חברותות פון די קינדער וואס וויפיל ווערען דורך דעם מקולקל לעולם ועד רח״ל, און עס קומען כסדר צו נאך זאכען (צרות האחרונות משכחות את הראשונות — ברכות י״ג.), וואס דאס אלעס איז א גורם פון די צרות און פלאג וואס מיר האבען מיטגעמאכט די לעצטערע יארען, מען ווייס נישט וואס איז גוט און וואס עס טויג נישט, דער בלבול וקטנות המוחין איז זייער גרויס, מען כאפט זיך אליין נישט אז מען זינקט טיף אין בלאטע, וואס די אלע דערמאנטע זאכען איז נאר א טייל פון דעם אמת׳דיגען שווערען מצב היינט. אודאי לא אלמן ישראל און עס איז נאך היינט אויך דא

ב"ה אידען וואס פירן זיך מיט אלעם עטהרה"ק אן פשרות און שינויים וויא אמאל איז געווען כי"ב, אבער ליידער איז דאס וויניג, און אויך די איז וויכטיג מעורר צו זיין אויף די אלע זאכען, כדי מען זאל וויסען וויא דער מצב איז און וויא שטארק מען דארף מיט זיבען אויגען אכט געבען אויף יעדען טריט אויף זיך און אויף די קינדער, זיך צו קענען האלטען פעסט קעגען די אלע נסיונות און שלעכטע השפעות פון די גאס.

## פרק ד

# קדושה און צניעות

### עד מתי תתחמקון בת השובבה (ירמי׳ ל"א כ"א)

א) דער פרט פון צניעות וואס אין דעם הענגט קדושת ישראל׳ האלט ביי א קאטאסטראפאלישען מצב ד׳ ישמרנו. ווער וויס דען נישט דאס גרויסקייט פון צניעות? מיט דעם זענען אידישע קינדער געקרוינט געווארען, און אין דעם איז אפהענגיק דער קיום פון כלל ישראל, און וואס ביז היינט האט דאס אויפגעהאלטען דעם כלל ישרא׳ זיך נישט צוא פארמישען מיט די אלע אומות העולם, אָן צניעות זענען מיר להבדיל וויא גוים, און קיין ערליכע אידישע דורות קען מען נישט אויפשטעלען אז מען פירט זיך נישט באשיידען, דער אויבערשטער כביכול האט נישט פארלאנגט פון א פרוי זאל לערנען תורה (וויא די היינטיגע מאדע). פון די איינציגע זאכען וואס די תוה"ק האט געהייסען פאר א אידישע טאכטער איז אז זיא זאל זיך פירען באשיידען, און מיר זאלען נישט ענדערען פון דעם וועג וואס אונזערע עלטערען האבען פאר אונז אויסגעטראטען, מען זאל גיין וויא די ערליכע מאמעס און באבעס פון אמאל זענען געגאנגען אן פארענדערונגען.

די שכינה הק׳ קען זיך נישט געפינען אויף א פלאץ וואו עס איז נישט הייליג (ויקרא כ"ג ט"ו, וע׳ ויק"ר כ"ד ו׳ הובאו ברש"י ריש קדושים). און עס שטייט פון די צדיקים אז ווען משיח וועט קומען וועט מען זעהן אז די גאולה האט זיך אויפגעהאלטען ווייל מען האט זיך נישט געפירט געהעריג בצניעות צווישען די גוים אין גלות.

ב) און פונקט וויא ביי אלעם אזוי אויך ביי דעם פרט פון צניעות האט זיך אריינגעכאפט דער מאדערנער גייסט פון די גויאישע שכנים, זיי זענען געווארען אונזערע וועג-ווייזערס וויא אזוי מען ברויך ציא גיין אנגעטאהן און וויא אזוי מען דארף זיך ריכטען מיט אלעם לויט די גויאישע קעפ. (ע׳ סידור יעב"ץ הל׳ ת"ב חלון ז׳ דברים נוראים).

עס קומען ארויס יעדען טאג נייע פרישע מאדעס וואס די גוים טוען כסדר ערפונדען, וואס זייער טמא׳נע קאפ גייט נאר אויף דעם, און דאס אלעס ווערט דערנאך אנגענומען ביי אונז פאר גוט געלט. וואס די גויטעס טראגען היינט ווערט דאס מיט א שטיק צייט שפעטער אימפארטירט צו אונז, דער בע"ד טראכט דירעקט אויס פרישע מאדעס מכשיל זיין דערמיט אידישע טעכטער רח"ל, איינער ברענגט אריין און דערנאך טוט מען דאס נאך.

ג) מיר וועלען דא דערמאנען א פאר זאכען וואס זענען ביי אונז שטארק נפרץ געווארען אין ענין פון צניעות. דאס היינטיגע קליידונג וויא מען גייט אנגעטאהן גייט אריבער אלע גרענעצין, די קליידער זענען זייער קורץ, וואס די רבנים האבען פאר א פאר יאר ארויסגעגעבען א פסק אז טאמער די קלייד דעקט נישט צו די גאנצע קניא שטייענדיג,

זיצענדיג, און בייגענדיג, הייסט זיא א עוברת על דת יהודות וואס דער מאן איז איהר מחויב צו גט'ן און זיא באקומט נישט איהר כתובה, און כדי עס זאל קענען פארדעקען די קניא אויף די אלע אופנים מוז דאס זיין אפאר אינטשעס נאך די קניא עס זאל זיך קיינמאל נישט קענען אויפדעקען די קניא. דאס איז מעיקר הלכה, אבער דאס איז אלץ נישט טייטש אז אזוי דארף לכתחילה אויסזעהן דאס ריכטיגע צניעות ביי א ערליכע באשיידענע פרוי.

און וויא אזוי זעהט דאס היינט אויס בעוה"ר ? עס האלט דאך נישט אפילו ביי דעם שיעור פון צודעקען די קניא זיצענדיג און שטייענדיג, מען גייט דאך די לענג וויא גויטעס ממש, און אויך ביי די לענג פון די ארבעל איז דאס זעלבע, און דאס זעלבע איז ביי די מיידלעך. פון וויא האט מען א היתר אז א מיידעל פון 7-8 יאר און כש"כ 12-13 יעריגע מיידלעך זאלען גיין קורצע קליידער וואס איז גאר ווייט פון צודעקען די קניא, וואס פון 3 יאר איז זיא שוין מחויב ציא גיין צניעות'דיג אנגעטאהן (משנה ברורה סי' ע"ה ושאר אחרונים), און בעוה"ר אפילו די גאר פרומע וואס אליין גייען זיי שוין אביסעל נארמאל אבער די קינדער איז מען מפקיר מיטען טענה אז עס איז דאך נאך א קינד, עס איז דאך אזוי הייס, זיא מוז שוין גיין וויא א גרויסע? און נאך אזעלעכע שטותים וואס דאס אלעס איז נישט קיין שום תירוץ ציא מעגען עובר זיין אויף די הלכה, און בפרט אין עניני צניעות וואס איז זייער א הארבע זאך און פון די יסודי הדת ,וואס מען איז מחויב מחנך זיין און געוואוינען די קינדער פון קליינערהייט אן ציא גיין הונדערט פראצענט בצניעות.

אזוי אויך גייט מען מיט רויטע קליידער וואס חוץ דעם פרט פון צניעות איז עס אויך אסור וועגען ובחוקותיהם לא תלכו (יו"ד קע"ח סעי' א ברמ"א וש"ך וע"ש באחרונים). אין רוב קליידער זענען געמישט פיל מיט רויט. די פארשידענע גויאישע און עכט פריצות'דיגע סטיילס העטס וואס עס קומען כסדר ארויס פרישע און די היימישע אידענעס טראגען דאס, וואס איז פשוט א שרעק. די לאנגע שייטלען ווי אויך די אנדערע סארט שייטלען לויט די מאדע, וואס דאס איז א גרויסער איסור, (אין המדובר כאן על עצם פאה נכרית שאסור לרוב אחרונים, ואין כאן המקום לבירור הלכה זו. רק כוונתינו על המאדעס שהפריצות ממציאים יום יום).

די דורכזיכטיגע שטרימף לייב קאליר וואס מען קען נישט דערקענען ציא מען גייט בכלל מיט זאקען, ווייל עס זעהט זיך דורך די פוס רח"ל, די מאדערענסטע סטיילס שיך שפיציג הויך און קאלירט וויא די שיקסעס. מען שמירט זיך מיט פערפיום אד"ג דוקא אדויסגייענדיג אין גאס צווישען מענטשען, וואס איז א גרויסער איסור (ע' ביו"ד שם, וע' ברד"ק ישעי' ג' ט"ז), געוויסע קליידער וואס די האלז איז רח"ל אפען און אויך וואס די קלייד אליין איז דורכזיכטיג און שמאָל וויא די גוים ממש. די מיידלעך גייען מיט לאנגע האר נישט געפלאכטען וואס איז אסור (מג"א ע"ה סק"ג וע' לקט הקמח סקכ"א ובאחרונים), און דאס איז א גרויס פריצות, און מען גייט אזוי פון די שענסטע הייזער סיי אין גאס סיי ביי חתונות, און אפילו אין סקול וויא עס וואלט גארנישט געווען קיין עולה. ווער רעדט פון די קאנטריס און ביי אנדערע פלעצער וואס מען איז זיך אינגאנצען מיקל, און מען גייט אנגעטאהן ווי גויטעס ממש.

די מענער און קינדער איז מען מכשיל מיט ברכות לבטלות וואס מען טאר אקעגען די סארט מלבושים נישט זאגען א הייליגווארט, ווייל דאס ברענגט ארימקייט אין שטוב (נדרים ז':), אפילו צירינג זאגען די חז"ל אז דאס איז געמאכט פאר א פרוי זיך ציא צירען דערמיט נאר אין שטוב (תנחומא וישלח ה').

ד) דער מאראל איז היינט אזוי שטארק אראפגעזינקען אז מען שעמט זיך שוין נישט מיט קיין שום זאך. נאך מער די וואס פירען זיך נאך יא שטיל און באשיידען שעמען זיך מיט זייער צניעות, ביי יעדע זאך קלערט מען פיהל מאל איבער וואס דער צווייטער וועט זאגען און וויא אזוי מען וועט איהר אנקוקען. אויף דעם פלאץ וואס א אידענע דארף שטאלצירען מיט איהר ערליכען טראכט שעמט זיא זיך גאר דערמיט. און דאס איז ביי אלע אידישקייט ענינים אזוי. עס לאזט זיך שווער גלויבען אז צוליב אזעלעכע נשים צדקניות זענען די אידען אויסגעלייזט געווארען פון מצרים, וואס דארט האבען זיי מיט צניעות שטאלצירט און געהאט דערויף מסירת נפש.

ה) עס איז נפרץ ביי טייל אידענעס צו גיין צום ים, וואס מען איז איהר מחויב דערפאר צו גט'ן (שלהי גיטין). און אזוי איז דא נאך זאכען וואס איז שווער צו שרייבען און וואס עס איז שווער צו גלייבען ווען מיר איבערצייגען זיך נישט אז עס איז אזוי אין די ווירקליכקייט בעוה"ר.

ו) אויף חתונות גייט מען אנגעטאהן מיט די ערגסטע גויאישע קליידונג וואס איז פשוט א עקל, וואס פאר 10־15 יאר צוריק האט מען זיך נאך דאהי געשעמט אזוי צו גיין. די חוצפה פון די ערגסטע סארט שמוציגע קליידונג גייט שוין אריבער אלע גרעניצען.

אז מען איז אפילו נאר איין מלבוש משנה וויא די גוים גייען און אפילו עס איז בצניעות איז מען עובר א איסור דאורייתא (דברי חיים ח"ב יו"ד נ"ט וע' יו"ד סי' קע"ח ובגר"א), און כש"כ ווען מען גייט מיט עכט פריצות'דיגע גויאישע קליידונג וואס מען האט קיינמאל פון אזאנס נישט געוואוסט אז א אידישע טאכטער זאל קענען אזוי גיין, מען האט אלץ מדקדק געווען אז אפילו אינדערהיים זאל מען אלעמאל גיין שטארק צניעות'דיג.

ז) א גרויסע צרה איז דאס גיין איינקויפען (שאפינג). די אידענעס וויא אויך די מיידליך לאזען זיך ארויס אין די מאדערנע געגענטער איינצוקויפען אין די שאפינג סענטערס ביי אלע דערפארטמענט סטארס אד"ג, אויף די אלע פלעצער וואו עס קויפען איין אלע גויטעס.

דארט זעהט מען די אלע עכט פריצות'דיגע קליידער וואס דאס איז נישט געווען אפילו אין דור המבול. עס כאפט אן א שוידער וויא היימישע פרויען קענען גיין אויף אזעלעכע אומריינע פלעצער. און זיי קויפען דארט איין, וואס אפילו די בעסטע מלבושים אין די פלעצער איז זייער ווייט פון אידישע באשיידענקייט.

דאס אליין וואס א אידענע איז געוואוינט צו דרייען זיך אין אזעלעכע ערטער און צוזעהן מיט די אויגען וויא אזוי אלע שיקסעס גייען אנגעטאהן (סיי אין די געשעפטען און אזוי אויך אין די שמוציגע ניו יארקער גאסען) איז געפערליך משפיע. איז מעגליך צו טרעטען אויף הייסע קוילע און זיך נישט אפבריען? (משלי ו'), אז מען דרייט זיך אין די שמוציגע סביבות פון די גוים ווערען די אויגען טמא, און דער קאפ צומישט. עס איז נישט דא קיין היתר פאר א אידענע זיך צו דרייען אין די אומריינע פלעצער וויא דער יצר הרע ברענט וויא א פייער, און די נסיונות זענען אזוי גרויס. אפילו אינדערהיים דארף מען האבען גרויס סייעתא דשמיא זיך צו קענען פיהרען גוט און האלטען עדליך, אבער זיכער טאר מען זיך נישט מיט די אייגענע הענט אריין ברענגען אין שווערע נסיונות.

עס איז נישט מעגליך צו קענען זיין א ערליכע כשרע אידענע און מאמע אז מען האלט אין אזא מצב אז דער גאנצער קאפ ליגט אין נארישקייטען, און מען האט כסדר נאר אינזין איינצוקויפען און זיך אנטאהן נייס. יעדען טאג ווערט אנדערש די מאדע, און

וויבאלד די קלייד גייט ארויס פון סטייל לויפט מען באלד קויפען נייע מלבושים. וואס דאס איז אלעס לויט די פארשריפטען פון די גוים, וויא מען זעהט דאס אין די מיסע מאגאזינען אד"ג.

ח) די מיידליך גייען אין די דערמאנטע פלעצער זיך צו לאזען מאכען די האר לויט די נייסטע מאדע פינקט וויא להבדיל די שיקסעס גייען אנגעטאהן, און זיא האלט זיך נישט אפ פון דאס צו מאכען אפילו דורך א מאן א גוי רח"ל.

ט) דער גאנצער שמועס פון די היימישע ווייבער און מיידליך איז אלץ נאר פון קליידונג און איינקויפעריי, איינער קוקט אויפן צווייטען וויא אזוי יענער גייט אנגעטאהן, און וואס מער מאדערען און טייער די קלייד איז אלץ מער טוט זיא שטאלצירען. אויף די וואס פיהרען זיך בצניעות קוקט מען פון אויבען אראפ וויא אויף א צוריקגעשטאנענע פון יענע וועלט, וואס ווייס נישט וויא זיך צו פיהרען, און זיי ווערען באטיטעלט אלס פרומע משוגעים אדער איז זיא א רביצין, וויא דאס צניעות וואלט געגעבען געווארען נאר פאר רביצינס און פרומע משוגעים. וויא גרויס איז אונזער חורבן (ע' אות ד').

אויך שמועסט מען צוזאם אלע ניבול פה און לשון הרע'ס. פארוואס זאל זיך נישט טרעפען קיין נשים צדקניות מיט פארשטאנד, וואס זאלען זיך איבעררעדען און עצה'ס האלטען אין ערציאונג פון קינדער, רעדען דברי מוסר וויא אזוי זיך צו שטארקען מיט צניעות, וויא אזוי צו פיהרען ערליך די שטוב ?

י) דאס זעלבע איז אויך מיטען גיין שפאצירען אויף די גאסען מיט די קינדער וואס איז נישט אין גדר פון כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מ"ה). א פרוי דארף נישט ארויסגיין אינדרויסען נאר איינס צוויי מאל אין חודש וויפיל זיא מוז האבען איינצוקויפען (טור ודמ"א אה"ע סי' ע"ג וע' מעלות המדות מער' הצניעות באריכות ובמשא"ל אוו"ש כ"א). א אידענע האט אלץ געוואוסט אז זיא דארף זיך באהאלטען אין שטוב און נישט ווייזען זיך אויף א פלאץ וויא עס גייען מענער, און וויא אזוי איז היינט ? שבת ריקען זיך ארויס די אידענעס מיט די מיידלעך און שפאצירען איבער די גאסען הין און צוריק, פאר א מאן איז כמעט אוממעגליך אדורכצוגיין ווען ער וויל למשל גיין אין שוהל וכד', ווייל די פרויען ווייסען דאך נישט פון קיין בושה חאטש אויף אזויפיל זיך אוועקצוריקען אין א זייט און לאזען דורכגיין, נאר מען מוז זיך ממש אין פרויען אנשטויסען צוא קענען גיין, וואס דאס איז א געוואלדיגע חוצפה. שאל נא לימים הראשונים, אינדערהיים ווען א פרוי האט פון דערווייטענס געזעהן א מאן גיין האט זיא זיך דערווייטערט מיטען גאנצען מעגליכקייט זיך נישט צו מוזען באגעגענען מיט א מאן, און אכט געגעבען מען זאל נישט הערען איהר קול (ע' תנחומא נשא ב', א"ד סע"ה). מען איז געווען מער בצניעות אנגעטאהן, ווייל די מדת בושה וואס האט באשיינט די אידישע טאכטער איז געווען דער ווארט־זאגער, אבער היינט איז דאס בעוה"ר בטל געווארען.

אויך איז דא אינגעלייט וואס גייען מיט די ווייבער שפאצירען (ע' דברי יחזקא' כי תבא ד"ה את ובזכרו תו"מ סי' ס'), דארף מען וויסען אז עס איז נישט דא קיין שום היתר פאר א אינגערמאן צוא שפאצירען אויף א פלאץ וואו עס איז פיל מיט פרויען בפרט מיטען היינטיגען סארט לבוש, און ער הייסט א רשע (ב"ב נ"ז:). עס איז ממש צוא שטוינען וויא זייער אסאך משפחות זענען מיט'ן לבוש צוהאקט אויף צוויי, דער מאן קען גיין אנגעטאהן וויא א גרויסער צדיק, און די אידענע מיט איהר שיינם לבוש אזוי וויא מיר האבען שוין אויסגעמשל'ט, לויט איהר באגריף וואס דאס איז אינגאנצען לויט די מאדע מיט אלע היניזיכטען.

יא) דאס רעדען פון פרויען מיט פרעמדע מענער איז זייער נפרץ, א אידענע קען זיך אוועקשטעלען שמועסען מיט א מאן סתם פלודעריי, וויא שלומית בת דברי (רש"י אמור), אדער זאגען האַלאָ וואס מאכסטו, און רעדען היימיש וויא צו א חבר רח"ל, וואס דאס איז א געוואלדיגע עזות און חציפות, און וואס עפ"י הלכה דארף מען איהר גט'ן פאר רעדען אומניצליכע רייד מיט א מאן (אה"ע קט"ו חל"מ סקי"ב), דאס איז חוץ די עבירה פון א מאן צו רעדען מיט א פרעמדע פרוי פוסטע רייד, אבער אפילו ווען יענער מאן איז א קל האט זיא נאך נישט קיין רעכט צו רעדען שטותים מיט עם, דער איסור איז עקסטרע פאר איהר גיעזאגט. און דאס זעלבע איז ביי אנדערע זאכען וויא צום ביישפיל געבען און נעמען אין האנט פון א מאן, וואס אפילו יענער מענטש איז נישט מדקדק דערויף האט זי נאך נישט קיין רעכט דאס צוא טאהן.

און אפילו וויא די מענער זענען ערליכע איז דאס היימישקייט גרויס, און דאס זעלבע ווען עס קומט צו איהר מאן א גוטער פריינט וועט זי זיך נישט שעמען זיך דארט צו דרייען און זיך אויך באטייליגען אין שמועס רח"ל.

אזוי אויך אין געשעפטען און אפיסעס אד"ג איז דאס קלות און חציפות שרעקליך.

יב) אויך פארען פארלעך בתערובות אין איין קאר אויף באזוכעריי אד"ג. ביי א באזוך זיצען מענער מיט פרויען ביי איין טיש און מען האט קאמפאני רח"ל. אפילו א אייגענע משפחה איז אויך נישט מותר צוא פארברענגען בתערובות חוץ מיט א טאטע אדער א ברודער.

יג) דאס זעלבע איז מיט די אלע היימישע באסעס וואס פארען מיט א שרעקליכען געמישעכטץ פון איין פלאץ צום צווייטען אדער צום דזאב און צוא חתונות אד"ג, וואס אין דעם שטעקט א גרויס פריצות, וואס חוץ די עבירה פון בעל־הבית צוצולאזען אויף זיין באס א תערובות, איז דאס א געוואלדיגער עזות וויא היימישע ערליכע אידען און אידענעס קענען זיך שטופען אויף א באס און זיך צאמשטופען מענער מיט פרויען אן שום בושה דארט וויא דער געדרענג איז שרעקליך גרויס, די אידענעס האבען נישט קיין בושה אין זיך, און אויך אויף די מענער איז א וואונדער וויא זיי האבען נישט אזויפיל יראת שמים נישט צוא פארען מיט א באס וואס איז א גרויס געמישעכטץ. עס איז ממש א פחד נורא צו זעהן וויא די מיידליך שטעלען זיך שמועסען מיט'ן דרייווער, וואס זענען כמעט אלע קלים וריקים אן א טראפען יראת שמים, די עלטערען דארפען ווארענען דערויף די קינדער, ווייל דאס קען זיי חלילה איינגאנצען פארדארבען.

יד) דער ענין פון שמירת עינים נישט צו קוקען וואו מען טאר נישט איז בעוה"ר אינגאנצען בטל געווארען. וואוילע בחורים און יונגעלייט וואס פיהרען זיך מיט אלעם אויף גוט, אבער אין דעם פרט זענען זיי נישט מדקדק. היינטיגע צייטען וואס די גאס איז פארפלייצט מיט א שרעקליכען פריצות איז אודאי פיהל גרעסער דער חיוב אכט צו געבען נישט צו קוקען נאר אויף אזעלכע ערטער וואס ברענגען יראת שמים. דער פרט איז פון די הויפט־גדרים אין קדושה וואס אָן דעם קען מען נישט זיין קיין גרויסער ירא שמים און ערליכער איד. און דאס איז ליידער נפרץ ממש איבעראל. ממש יחידי סגולה זענען דא וואס ווייסען צו היטען די אויגען בקדושה. אין די ישיבות ווערט דאס אויך נישט געשמועסט מיט די בחורים ווי אזוי מען ברויך דערויף מדקדק צו זיין, בפרט וואס רוב ישיבות זענען אין שמוציגען שטאט, וואו מען זעהט אויף יעדען טריט אלעס שלעכטץ רח"ל (ע' סה"ק טהרת הקודש מ' שמירת עינים, וע' קו' קדושים תהיו, וע' טהרת יו"ט).

טו) אין איסור יחוד ווערט מען כסדר נכשל, מען ווייסט נישט קיין הלכות, יעדער בויט זיך אויף אייגענע היתרים וואס האט נישט קיין שום יסוד, דאס נעמט זיך ווייל מען נעמט האלט דאס גרינג און מען קלערט נישט אריין די געוואלדיגע הארבקייט דערפון. דאס איז שייך סיי ביי די ארבעט, און דאס זעלבע אז א פרוי איז אליין אינדערהיים און עס קומט א סעילסמאן אדער א פיקסער אדער א גוי רוימט די דירה אד"ג, אדער פארענדיג אין א קאר אדער טעקסי צוא א חתונה, דאקטער כו' בפרט אין די קאנטריס.

בעוה"ד זענען די דרייווערס ביי די היימישע קאר סערוויסעס אלע קלים און מופקרים און עס ליגט א חוב אויף די מענער און טאטעס ווארענען די פרויען און מיידליך בשו"א נישט צו פארען מיט אזא קאר אדער מיט א טעקסי אפילו ווען עס פארען נאך אידענעס, נאר אויב עס פארט מיט אלס באגלייטער א מאן א ערליכער איד, ווייל דאס הפקרות איז מורא'דיג בעוה"ר.

דאס זעלבע איז ווען א אידענע גייט צו א דאקטער אליין (וואס איז נישט ריכטיג), און אפילו עס איז דא א נוירס אדער סעקרעטערי איז אויך אסור אז מען איז מיטען ד"ר אליין אינעווייניג. אויך איז ביי וויפיל דאקטוירים און ביי דענטיסט בכלל קיין נוירס נישט דא איז דער איסור נאך אסאך הארבער.

יחוד באזוכענדיג קרובים, איינגעלייט ביים שוויגער, וכו' וכו', וואס ביי די אלע זאכען דארף מען זייער אכט געבען און נישט אויפנעמען גרינג, און ביי יעדע פראבלעם פרעגען א שאלה א רב.

טז) ביי חתונות (און ביי אנדערע שמחות) איז ביי רוב פלעצער נישט געהעריג די מחיצות, אויך קען מען דאס רוקען און עס ווערט אויס מחיצה, ביי די עלעוועטערס און שטיגען און ביים איינגאנג איז א גרויס געמישעכטץ פאר און נאך די חופה, עס איז כמעט אוממעגליך פאר א מאן דורכצוגיין און זיך נישט מוזען אנקלאפען מיט פרויען און פארקערט אויך, וואס דאס איז א גרויסער מכשול, און עס ווערט גארנישט געטאהן דערצו דאס מתקן זיין. אויך איז א גרויס עזות דאס וואס די פרויען טוען זיך אינמיטען די חתונה אריינריקען האלב אדער אינגאנצען צו די מענער זעהן דאס טאנצען וכו', וואס דאס איז ממש ביי אלע חתונה-זאלען אן אינטערשייד. אויך איז די לעצטע צייטן געווארן א מאדע ביי א טייל היימישע חתונות אז נשים צדקניות גייען נאך געלט ביי די מענער, וואס דאס איז א מצוה הבאה בעבירה, וואו איז דא א היתר אויף דעם ?

טוב) ביי די חופה אין הויף איז געווענליך א גרויסער תערובות'דיגער פארקער, וואס אפילו אזויפיל איז נישט מסודר עכ"פ אז די מענער זאלען שטיין נאר אויף איין זייט און די אידענעס פון די צווייטע זייט.

דאס איז ווען די חופה איז אויפן גאס (וויא דער מנהג ישראל איז אלעמאל געווען), אבער וואו איז דאס געהערט געווארען ציא שטעלען א חופה אין שטוב (האָלל), וויא עס זיצען מענער מיט פרויען אין זעלבען האלל פון צוויי זייטען אָן קיין שום מחיצה, וואס דאס איז דאך שוין א ישיבת קבע? די מענער ווערען נכשל מיטען זעהן בפרט וואו דער צניעות הינקעט אויך שטארק נאך, און וויא איז דער היתר פאר א רב מסדר קידושין צו זיין אויף אזא פלאץ ? אין די פריערדיגע יארען האט מען פון אזא אויסטערלישע זאך נישט געהערט און נישט געזעהן חוץ ביי די לינקע רעפארמער וכד' וואס ביי זיי איז די אלע זאכען קיינמאל קיין חסרון נישט געווען, אבער נישט אז ביי אונזערע אידען זאל מען מאכען אזעלכע תערובות'דיגע חופות מיטען סידו"ק פון א היימישען רב, שומו שמים ! און

דאס זעלבע פרעגען מיר אויף געוויסע רבנים וואס זיצען ביי חתונות וואס די מחיצה איז האלב אדער אינגאנצען אוועקגערוקט, וואס דער רב וואלט געדארפט דערויף מוחה זיין און דאס נישט צולאזען, און בכל אופן עכ"פ אנטלויפען פון אזא פלאץ. (וכל פרצה שאינה מתחלת מן הגדולים אינה פרצה — ב"ר כו, ה).

יח) אין יחוד שטוב וואו די טיר דארף עפ"י הלכה זיין צוגעמאכט אפאר מינוט קיינער זאל נישט קענען אריינגיין (בית שמוא' סי' נה סוסק"ה ומובא בקיצוש"ע סי' קמ"ח סעי' א וע"ש במסגה"ש), איז דער מנהג אז קוים נאך אפאר סעקונדען ווערט די טיר אויפגעמאכט, ווייל די אידענעס ווילען חלילה נישט אויפהאלטען אפאר מינוט די גרויסע מצוה פון נעמען מאווי־פיקטשערס וכד' וואס איז זייער וויכטיג און ברענענדיג. וואס האבען בכלל פרעמדע אידענעס (אפילו קרובות) צו זיכען אין יחוד שטוב ווילאנג דער חתן איז דארט ?

יט) עס איז איינגעפירט ביי אלע חתונות אז די פרויען קומען אריין צו די מענער ביים בענטשען ביז נאכען מצוה־טאנץ. מען גייט מיט די עקלדיגסטע מלבושים (וויא דערמאנט אויבען), וואס עס וואלט געווען בעסער ווען מען איז מוותר אויפען גאנצען מצוה־טאנץ וואס איז א העכערער ענין און איז נישט געמאכט פאר קיין שוי־שפיל, אדער זאלען די פרויען בלייבען אין אנדערען זאל און נאר די כלה זאל אריינקומען.

דער בדחן מאכט אלערליי ליצנות, דאס זעלבע די כלי זמר זינגען אלע סארט גויאישע ניגונים (ע' פלא יועץ מע' חתן, קדושים תהיו ע' מ'). די פרויען און מיידלעך זינגען און טאנצען פארשידענע גויאישע סארט טענץ וואס זיי האבען זיכער געהאט א קורס זיך דאס אויסצולערנען, דעסטגלייכען איז דא נאך אסאך אנדערע זאכען וואס טויג נישט, וויא מאווי־פיקטשערס אד"ג. עס איז היינט נישט דא די אמאליגע באשיידענקייט און ערנסקייט ביי א שמחה.

עס איז נישט דא קיין שום היתר להלכה צוא מעגען עפעס משנה זיין פון שו"ע און פון אונזערע הייליגע מנהגים לכבוד חתן וכלה, און די אלע סארט מנהגים וואס זענען נישט אויסגעהאלטען לויט די הלכה איז א איסור גמור (ע' מג"א תצב ס"ק כ"ב וממס' סופרים וע' באריכות בשדי חמד מער' חו"כ סי' י"ב ד"ה שוב, ובפר"ח תצ"ו ואמרי אש יו"ד קנ"ה).

פרק ה

## ארבייט, ארבעטס־פלעצער, שידוכים

### עד מתי אתם מרדפין אחרי דברים של ריקניות (מדרש תנחומא)

א) די ארבעטס־פלעצער (דזאב"ס) פון די בעלי־בתים און אינגעלייט זענען זייער ווייט פון צוא זיין אין ארדענונג, וויפיל פלעצער וואס מען ארבעט רח"ל בתערובות מיט פרויען, אסאך פלעצער וואס מען זיצט גאר ביי איין טיש מיט פרויען, און דאס קלות ראש איז שרעקליך גרויס. ביי אסאך פלעצער ארבעט די ראדיא וואס מען הערט זיך אן מיט מוזיק , ניבול פה, ליצנות, און אפילו סתם דברים בטלים טאר מען אויך נישט צוהערען (כתובות ה:). און אפילו דער וואס האט דאס נישט אינדערהיים, ווערט ער קאליע דערפון. אין אנהויב וויל מען דאס נישט, אבער דערנאך אז מען געוואוינט זיך צו דערמיט, איז מען שוין צופרידען אז מען קויפט דאס שוין אליין.

ב) די חברותא איז ביי רוב פלעצער זייער נישט קיין גוטע וואס ברענגט דערנאך זייער א שלעכטע השפעה ווייל דאס שלעכטע לערענט מען זיך גרינגער וויא דאס גוטע. מען פארט מיט די באסעס און טרעינס מיט א שרעקליכען תערובות בפרט אין ראש־האוערס, און חוץ דאס תערובות איז דאס עקלדיגע פריצות שרעקליך וואס מען שטויסט זיך אן דערמיט אפילו נישט ווילענדיג, בפרט אין די זומער חדשים וואס דאס איז ממש גיפט פאר די נשמה, שוין אפגערעדט אז עס נישט מעגליך אריינצוקוקען אין א ספר זיך עכ״פ אביסעל דער מוח פארטאהן מיט דברי קדושה. א איד דארף וויסען אז דער אויבערשטער איז נישט נאר אין שוהל, וואו א איד גייט און שטייט און וואס ער טוט מוז זיין אויסגעהאלטען עפ״י התורה ושו״ע (ע׳ סי׳ רלא, וע׳ קדו״ל אבות פ״ב ד״ה והנראה).

ג) עס איז דא פיהל געשעפטס־לייט וואס האבען כסדר פארקער מיט פרויען, וואס קיין גרויס ירא״ש באקומט מען נישט פון דעם, און נאך בפרט די סארט געשעפטען וואס זענען ספעציאל געשטעלט צוא פארקויפען פרויען קליידונג וועש שיך וכו׳.

פיהל פאבריקאנטען וואס האבען פרויען אין זייער אפיס אלס סעקרעטארענס וואס זיי ווערען היימיש און ארבעטען און רעדען צוזאם אלע דברים בטלים רח״ל אז עס איז ממש פחדים נוראים.

סעילס־לייט וואס רוב פון זיי ווערען אינגאנצען קאליע פון די סארט פרנסה, און וואס איז זייער ווייט פון א אידעלע פרנסה.

די דרייווערס אפילו ביי די היימישע קאר סערוויסעס זענען אלע קלים וריקים וואס זענען מסוגל אויף אלעם שלעכטס רח״ל, מען קומט צוא איסור יחוד כסדר, און אנדערע מכשולים און קלות וואס פירען גרינג אראפ פון וועג. אויך זענען זיי אחריות׳לאזע ווילדע ברואים וואס יאגען ביים דרייווען און צוליב א פאר דאלער שטעלען זיי די פאסאנזירען אריין אין א סכנה.

די געשעפטען וואס פארקויפען צייטונגען און ביכער, וואס זענען דערמיט מכשיל אסאך אידען, וואס אפי׳ ער איז זיכער אז אן עם וועט דאס יענער אויך קויפען, טאר ער דאס אויך נישט פארקויפען (ע׳ רא״ש ריש שבת וע׳ שו״ת אמרי יושר), און עס איז זיכער אז די אלע וואס פארסמען די שטאט מיט די אלע מיסט וועלען קיינמאל פון גיהנם נישט ארויס רח״ל.

ד) די בעלי בתים פון די פאבריקען באגייען א גרויסע עוולה מיט דעם וואס זיי זענען נישט מסדר די ארבעטערס מענער און פרויען עקסטרע, ביי די מערסטע ביזנעס איז די ארבעט נישט געבונדען איינס מיטען צווייטען אזוי שטארק אז זיי זאלען דוקא מוזען זיצען אינאיינעם.

ה) עס איז דא היימישע פאבריקען וואס צוליב אפאר דאלער נעמט דער בעל הבית אריין גוים און שיקסעס להבדיל. עס שטייען הונדערטער אידען כמעט אָן פרנסה און זוכען א פלאץ צו ארבעטען און זיי קענען שווער טרעפען ווייל די שאפס זענען פיהל מיט גוים, וואו איז דער וחי אחיך עמך, צו טאר מען מפקיר זיין א אייגענעם ברודער וועגען אביסעל געלט?

ו) איינס פון די גרויסע פראבלעמען איז, וואס עס איז נישט דא קיין היימישע פאבריקען וואס נייען קליידער לויטען ריכטיגען צניעות. הגם בעוה״ר עס איז דא ווייניג אידענעס היינט וואס האבען השגות אויף ריכטיגע צניעות (ע׳ פ״ד אות ג׳), אבער אפילו

די וואס זוכען דאס יא האבען גרויסע שווערקייטען ווייל צו נייען אליין איז נישט יעדער בכח, און פארטיג איז כמעט נישט דא צו טרעפען וואס עס זאל זיין צניעות׳דיג אן שום חשש. עס וואלט געווען א גרויסע זכי׳ ווען עס זאל זיך אפזוכען בעלי בתים מיט פארשטאנד וואס זאלען זיך אונטערנעמען צו נייען קליידער כאלאטלעך און אנדערע מלבושים וואס זאל זיין באשיידען און ראוי צו טראגען פאר די נשים צדקניות. דאס איז א גרויסע מצוה.

ז) דאס ארבעטען אווער־טיים איז א מכה אשר לא כתובה. וויא איז אונזער אמונה און בטחון? דער זעלבער באשעפער וואס גיט לעבען און געזונד און קינדער, גיט דאך אונז די פרנסה אויך (תעניה ח׳:). פארוואס זאל מען פארקויפען די נשמה ? עס קומט נישט אויס קיין צייט אויף דברי קדושה, נישט קיין דאווענען, נישט קיין לערנען, נישט קיין מצות, נישט קיין חינוך, נישט אויף חשבון הנפש (ע׳ פ״ג אות יא). און אלעס צוליב אפאר שעה וואס מען וואלט געדארפט ווייניגער ארבעטען און דאס מקדיש זיין פאר ד׳ יתברך וואס דאס איז א חוב אויף יעדען איד. דער מוח מיט די חושים און אלע רמ״ח אברים זענען ארייגעטאהן אין די ביזנעס, און אפילו ווען מען ארבעט נישט איז דער מוח דארט. דעם בטחון ניצט מען נאר ביי ענינים פון אידישקייט, אז טאמער עס איז עפאס נישט אין ארדענונג בארוהיגט מען זיך אז דער אויבערשטער וועט אודאי העלפען. דאס איז פארקערט וויא עס ברויך זיין. ביי גשמיות׳דיגע געברויכען דארף מען האבען דעם בטחון אבער נישט ווען עס האנדעלט זיך אין קיום המצות וואס דארט דארף מען אליין ארייגלייגען די צייט און כח, וואס דאס איז דער עיקר תכלית פון א איד (הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים — ברכות ל״ג:), (ע׳ פ״ג אות י״א).

ח) ווען עס קומען זיך צוזאם אינגעלייט אדער בעלי־בתים איז כסדר דער שמועס פון ביזנעס אדער וועגען די לעצטע נייעס, פאליטיק אדער אנדערע דברים בטלים, דער גאנצער מוח ליגט כסדר נאר אין גשמיות וואו מען גייט און שטייט, אין שוהל אין מקו׳ און ביי א שמחה אדער ווען מען פארט, ווערט באלד א מושב לצים. אויף דעם פלאץ וואס מען וואלט געדארפט רעדען ערענסטע זאכען, דברי תורה, וויא אזוי זיך מחזק זיין קעגען די נסיונות, צו העלפען איינער דעם צווייטען מיט עצות, ענינים פון חינוך וכד׳, וואלט מען דאך זיך געקענט שטארקען קעגען אלע רוחות רעות פון די גאס.

*ח) היינט איז געווארען א מאדע אז די מאמעס גייען ארבעטען, אזוי וויא אין מצרים (שמו״ר א׳ י״א), און דאס איז אפילו עס איז נישט וויכטיג אויף פרנסה, נאר כדי דעם קאפ ליפטערען און פטור זיין דעם עול פון די קינדער א גאנצען טאג, און כדי צו פארדינען אויף אלע מיני מותרות, אז דערנאך האט מען נישט קיין כח און נערוון צו קיין קינדער, ווייל די קינדער מאכן נערוועז און שטערען, און מ׳וויל דאס נישט האבן. איהר ארבעט איז זייער שעדליך פארען חינוך פון די קינדער, עס שאדט אויך פאר זיך עפ״י רוב צום ערליכקייט. א גרויסע טייל זאכען וואס מיר דערמאנען ווייטער ביי די ארבעט פון די מיידלעך איז אויך ביי די פרויען שייך.

ט) ארגער פון די אלע זאכען איז דאס וואס די מיידלעך גייען ארבעטען נאכען ענדיגען סקול. (ע״ע פי״א אות יא). דאס ביסעל ערליכקייט און צניעות וואס זיא האט זיך ערווארבען אין שוה״ל, ווערט דאס אויסגעוועבט ביי די ארבעט, א גרויס חלק ארבעטס־פלעצער (שאפס, פעקטאריס אד״ג) זענען זייער שעדליך, און נאך בפרט די ,,אפיסעס״ (און אויך ביי א חלק פעקטאריס און אנדערע ארבעט וואס איז כמעט אזוי שלעכט וויא

אפיסעס), וואס דאס מאכט די קינדער אינגאנצען קאליע אוןווארפט זיי אריין אין אפגרונד ד׳ ישמרנו.

י) עס איז פאר אפאר יאר צוריק ארויסגעקומען **א רוף פון די גדולי הרבנים וצדיקים** וועגן די שעדליכקייט פון די מיידלעך ארבעט אויף די דערמאנטע פלעצער, מיר וועלען דא צוברענגען א טייל. זיא האט ביי די ארבעט א שלעכטע חברותא, זיא האט פארקער מיט גוים רשעים און פושעים, זיא טוישט איהר צניעות׳דיגע קליידונג לויט די מאדע כדי צו געפעלען די מאדערנע געזעלשאפט, און צוליב דעם זעלבען טעם ליינט זיא אלע צייטונגען מאגאזינען און ראמאנען. דער איסור פון יחוד איז א אפטע זאך וואס עפ״י הלכה דארף מען דאס גאנצע פארמעגען מפקיר זיין נישט נכשל צו ווערען אין דעם איסור. זי ווערט אויפגעקלערט און ווערט געוואוינט צו שמועסען מיט מענער און זיא פארלירט די בושה און באשיידענקייט פון א אידישע טאכטער, סיי אינעווייניג און סיי אין איהר פיהרונג, זיא פארלירט די גוטע מדות און תמימות ויראת שמים, זיא הערט כסדר נוול פה ליצנות און אלע אסור׳דיגע זאכען, די ראדיא שפילט א גאנצען טאג, זיא ווערט זעלבסט־שטענדיג מיט א אייגענע דעה, ווייל זיא פארדינט דאך געלט, און דער עיקר איז אז איהר גאנצע השקפה ווערט צוביסלעך איבערגעדרייט, וואס נאך א קורצע צייט פון איהר ארבעט קען מען שוין דערקענען אז די קליידונג איז נישט די זעלבע וויא ביז אהער ווייל זיא שעמט זיך דאך צוא גיין אזוי פרום וויא אינדערהיים דארט וואו זיא האט צוטאהן מיט א גויאישע געזעלשאפט. די השקפות און דעם ערליכען חינוך וואס זיא האט באקומען ווערט אינגאנצען פארענדערט, זיא באקומט גויאישע השקפות, און זיא ווערט קאלט צו אידישקייט, זיא פארלירט דעם יראת שמים און באשיידענקייט, און איהר גאנצע אידישע צורה ווערט פארענדערט.

די צרה פון פרויען און מיידליך ארבעט איז עלול ח״ו צו מאכען פארלירען דאס גאנצע הייליגקייט פון די אידישע מאמעס, צו ציען ווייטער די קייט פון אונזערע אבות, אויב עס זאל נישט אנגענומען ווערען פעסטע שריט דאס מציל צו זיין. ע״כ דארפען די עלטערען זיין געווארענט און וויסען אז אין פאלס אז זיי מוזען באין ברירה שיקען די טאכטער ארבעטען, זאל זיא לכתחילה ווערען א לערערין. אז עס איז נישט מעגליך, זאל זיא גיין ארבעטען נאר אין א היימישען פאבריק וואו עס ארבעטען בלויז ערליכע פרויען, און די עלטערען זאלען גוט נאכקאנטראלירען דעם פלאץ און כסדר האלטען א אויג צו אלעס איז אין ארדענונג, און צו עס איז נישט דא די פריער דערמאנטע קלקולים. אבער בשום אופן זאל זיא נישט ארבעטען אין א אפיס (אדער ענליכע פלעצער) אפילו וואו עס זעהט אויס אינגאנצען גוט, ווייל אפילו ווען עס איז נישט דא די אלע זאכען איז דא א טייל, קיין שום אפיס איז נישט ריין פון די אלע פראבלעמען. (ע״כ מקו״ק הנ״ל בשינוי ל׳ וקצת הוספה).

יא) די עלטערען האבען פארגעסען אז די פלאץ פאר א אידישע טאכטער איז אינדערהיים, בפרט וואס דאס זענען איהרע בעסטע יארען ווען דער פארשטאנד ווערט רייף, דארף זיא זיין אינדערהיים צו ווערען אויפגעוואַקסען אין א אטמאספערע פון בלויז קדושה און יראת שמים, און צו וויסען וויא אזוי אויפצושטעלען און פיהרען א ערליכע און כשר׳ע אידישע שטוב כדי צו קענען אויפהאדעווען גוטע דורות בדרך ישראל סבא. די טענה אז וואס זאל א מיידעל טאהן א גאנצען טאג אינדערהיים, איז בכלל נישט ריכטיג, ווייל צוליב די ארבעט פון די מיידלעך קען די מאמע נישט פיהרען א געהעריגע שטוב־ווירטשאפט אויפן אמאליגען שטייגער. סיי מיטן קאכען און באקען אלעס אליין

אינדערהיים, עס זאל נישט זיין דערויף קיין חשש כשרות. סיי מיטן נייען קליידונג, עס זאל זיין צניעות׳דיג, אזוי אז אויך ווען זיא האט חתונה זאל זיא זיין איינגעוואוינט זיך אזוי צו פיהרען. דאס אלעס איז אבער נישט מעגליך אז זיא געפינט זיך יארען דערווייטערט פון דערהיים, און זיא ארבעט אין גאס וואס איז פיל מיט שטרויכלונגען, און אלעס איז פארקערט וויא זיא ברויך צו האבען.

יב) אז עס קומט צו רעדען א שידוך האט זיא שוין איהר אייגענע דעה וואס איהר געפעלט, ס׳ אינטערעסירט איהר נישט די מיינונג פון די עלטערען, וויא ביי אלע מאדערנע פירט זיך, זיא זיכט נישט דעם תלמיד חכם און גרויסען ירא שמים, און אפילו אז זיא וויל איינרעדען אז יא, איז עס ליגענט, דער עיקר אינטערעסירט איהר נאר אז דער בחור זאל זיין א שיינער און א הויכער, זיא זאגט נישט דירעקט אף קיין ת״ח, אויב ער איז נאר בגשמיות לויט איהר געשמאק מהיכי תיתי, אבי נאר אזא שידוך זאל עס זיין זיא זאל קענען פיהרען א לעבען לויט איהר געשמאק, אבער אויף א אמת׳דיגען תורה־לעבען האט זיא בכלל קיין השגות נישט, דאס איז א אומעגליכע זאך, ווייל נאכדעם וויא מען ארבעט אפאד יאר מיט קלים וריקים איז זיכער אז מען ווערט נשפע, איינער מער איינעד ווייניגער, **שומו שמים!** זאל מען גוט אדיינקלערען וואו מען האלט, וואו האט מען אזאנס געהערט אז אידען מדקדקים בקלה כבחמורה זאל דער מוח ליגען נאר אין גשמיות, מען האט פארגעסען וואס די גמרא זאגט (ברכות ל״ד:) אז אלע גוטע הבטחות פון די נביאים איז נאר געזאגט פאר דעם וואס מאכט זיין קינד חתונה פאר א אמת׳ען תלמיד חכם, איז דאס איז גלייך וויא מען וואלט זיך באהעפט אין די שכינה הק׳ (פסחים מ״ט:), און אז איינער גיט זיין טאכטער צו א עם הארץ איז וויא ער וואלט איהר געבינדען און געלייגט צום לייב (שם). וויפיל בחורים ת״ח וואקסען אינטער און קענען קיין גוטען שידוך נישט טאהן ווייל די היינטיגע מיידלעך זענען נישט אינטערעסירט נאר אין א שיינעם הויכען, מעג ער זיין דער גרויסער גאון.

דאס איז פון די גרעסטע קללות וואס שטאמט פון איהר ארבעטען. אויך איז דאס א תולדה פון דעם וואס מען לויפט נאך לוקסוס, די עלטערען ווילען זיא זאל אסאך פארדינען צוא קענען דאס דערנאך פארשווענדען אויף אלע נארישקייטען, און צוליב דעם מאכט מען איהר שפעט חתונה, חאטש לכבוד דעם קענען די בחורים שווער טאהן א שידוך און ווערען עלטער פון 20 יאר, וואס עפ״י הלכה מוז א בחור חתונה האבען פאר די 20 (קידושין כ״ט: ואה״ע סי׳ א סעי׳ ג׳), און אז מען מאכט דעם זוהן פריא חתונה ווערט מען פארהיט פון שלעכטץ און עס איז דא שלו׳ אין שטוב (יבמות ס״ב:), און דאס זעלבע די טאכטער לכבוד דעם וואס מען שיקט איהר ארבעטען מאכט מען איהר שפעט חתונה כדי צו פארדינען געלט, דאדט וואו די גמרא זאגט (סנהדרין ע״ו:) אז מען הייסט א ארימער רשע אויב מען מאכט א טאכטער שפעט חתונה כדי זיא זאל ארבעטען ווייל ער איז איהר מיט דעם מפקיד, איבערהויפט היינטיגע צייטען איז דאס אודאי וויכטיג אז מען זאל די טאכטעד פריא חתונה מאכען און נישט צוברענגען דערצו אז זיא זאל ח״ו פארדארבען ווערען ביי די ארבעט.

נאר באמת דארף מען פארשטיין נאך אזאך, אז די עלטערען וואס ווייסען אז זייער קינד האלט באמת נישט ביי קיין מאן א ת״ח, איז א גרויסער פארברעך דוקא א ת״ח צו נעמען אין שטוב וואס דערנאך איז מען גורם אז כדי נאכצוגעבען אלע אירע תענוגים מוז ער גיין ארבעטען. זאל מען דאס גוט דורכטראכטען און זיך בארעכענען פאר מען טוט א שידוך.

יג) פיהל יונגעלייט נאך די חתונה וואס האבען נישט קיין אהנונג וויא אזוי צו פיהרען א אידישע שטוב, קיינער לערענט דאס נישט מיט זיי. דאס איז סיי מיט עניני קדושה, און דאס זעלבע מיט לערנען הלכות וואס זענען וויכטיג (ע׳ יער״ד ח״א דרוש ה׳, אור צדיקים סי׳ כד אות צט, עבודה״ק מב״א סי׳ א אות ט).

אזוי אויך מיט מדות דרך ארץ, וואס דער מאן און ווייב ווייסען נישט וויא אזוי נוהג כבוד צו זיין איינער דעם אנדערען. וויפיל מחלוקת זענען דא ביי משפחות נאך די חתונה איבער פארשידענע ענינים, וואס נעמט זיך פון קלייניקייטען. די עלטערען, שוויגער אד״ג מישען זיך אריין אין אלע זייערע פריוואטע סכסוכים, די קינדער פארצייילען אלעס פאר די עלטערען, וואס דאס אלעס ברענגט שרעקליכע מחלוקת׳ן וואס איז דערנאך שווער צו פארעכטען (האי תיגרא דמיא כו׳ — סנהדרין ז.), דאדורך ווערט דער גאנצער שלו׳ בית פארטריבען פון הויז.

עס האט זיך לעצטענס שטארק פארמערט די צאל פון גיטין ביים חרדישען עולם וואס נעמט זיך פון די דערמאנטע ענינים. ווי אויך דורך איהר שוואכען חינוך (ע׳ פי״א), און בעיקר דורך איהר ארבעט וואס זיא ווערט קאלט אין אידישקייט און אנגעקלעפט מיט מאדערנע געדאנקען ווייל זיא האט פארקער מיט די גויאישע גאס און זי האט שלעכטע חברותות. זיא האט נישט קיין השגה צו א תורה׳דיגען רואיגען לעבען, זיא וועט צוליב יעדע גשמיות׳דיגע פארגעניגען מאכען א מחלוקת אבי דאס צו קענען נאכקומען. דער מגיפה פון גיטין איז א שווערע גזירה וואס מען איז מחויב צו טאהן מבטל צו זיין די גורמים דערצו (וע׳ פ״ג אות יב).

דער אויבערשטער זאל העלפען פאר אלע אידען מיט אמת׳דיג אידיש נחת, און עס זאל גערייניגט ווערען אונזער הארץ מען זאל זיך קענען פירען ערליך אמן.

## פרק ו

# מופען, פראדזועקטען, חוץ לעיר

**עד מתי אי אתם משגיחים על הצרה שאנו שרויים בו** (כע״ז באס״ר ז׳ י״ח)

א) איינע פון די גרויסע היינטיגע צרות איז וואס צוליבען גרויסען מאנגעל אין דירות, און אויך צוליב אנדערע פארשידענע סיבות, מופט מען פון איין געגענד צו אן אנדער געגענד וואס איז פארהאלטענסמעסיג שוואכער אין אידישקייט וויא די פון וואו ער ציהט זיך ארויס. די חברותא איז א שוואכערע און בפרט פאר די קינדער איז דאס נאך שווערער, די אטמאספער פון די גאס מיט אלע אירע השפעות, די מוסדות זענען אנדערע, מען באקומט צוביסלעך אנדערע השגות אין אלע אידישקייט ענינים. און הגם אז בעוה״ר איז דא כמעט אין אלע פלעצער אסאך זאכען וואס צו פארעכטען, פונדעסטוועגען איז דאס נישט קיין תירוץ צו מופען אין נאך א שוואכערע פלאץ און זיך אריינברענגען אין פארשידענע שווערע נסיונות וואס איז געגוג דא אן דעם. מיט דעם וואס מען מופט טוט מען זיך איינגאנצען פארדארבען, וויא עס איז שוין איבערצייגט געווארען פון פראקטיק אז כמעט אלע וואס ציען זיך אריין אין א שוואכערע סביבה ווערען צוביסלעך יורדים אליין נישט באמערקענדיג. עפ״י התורה דארף מען זיך אפהאלטען מיט אלע כוחות פון אזא מופען אפילו ווען לכבוד דעם מוז מען זיך פלאגען אין א ענגע דירה אד״ג, און נישט

חלילה בידים זיך צוגרונט לייגען צוזאם מיט די קינדער, וואס קענען בשום אופן נישט ווערען אויפגעצויגען אזוי ערליך וויא אין א הונדערט פראצענטיגע היימישע סביבה, ווייל צום סוף העלפט דער אויבערשטער במילא בייצוקומען די אלע שוועריקייטען, און דערנאך זעהט מען ביי די קינדער אמת׳דיג אידיש נחת און טאקע גרינג און בהרחבה, נאר דער עיקר איז זיך נישט לאזען פארפירען פון בעל דבר וואס פארבלענדעט די אויגען מען זאל נישט זעהן דעם אמת.

ב) הגם אז וויא דער ריינער אמת איז וואלט געווען דאס גלייכסטע זיך ארויסצוציען אינגאנצען פון די שטאט וואס דאס איז די גרעסטע מעלה, ווייל — ווי אויבען דערמאנט — דאס עצם וואוינען אין די שטאט איז א געפערליכער גיפט פאר די נשמה, און בפרט צו די ערציאונג פון די קינדער, דאס געמיינהייט פון די טרפה׳נע גאס איז דאך איבריג פארצושטעלען וואס איז גוט באקאנט פאר יעדעם, וואס איז א געוואלדיגער קלקול און ברענגט אן אלע מיני צרות (ע׳ נדחי ישרא׳ מהח״ח פמ״ב באריכות). במילא איז דאך דאס א זעלבסט פארשטענדליכע זאך אז דאס אליין פאר זיך וואס מען ציהט זיך ארויס פון די מגושמדיגע שטאט אין א היימישע סביבה איז דאס אליין שוין א געוואלדיגע זאך וואס איז שווער פארצושטעלען.

דאס וואוינען אויסער די שטאט איז געזונטער פארען גוף וואס די שטאט ניו יארק און אויך אנדערע שטעט איז זייער אומגעזונד לויט אלע דאקטוירים, וויא אויך איז מען מער באווארענט (בדרך הטבע) פון גניבות ורציחה רח״ל וואס אין שטאט דארף מען זיין אין א כסדר׳דיגע שרעק פון די אלע זאכען. און ברוחניות איז דאך אפגערעדט, די קינדער ווערען ערצויגען אן צו זעהן פאר די אויגען אלע אומריינע זאכען וואס איז נישט מעגליך אויסצוהיטען אין א שטאט וואס איז א עיר פרוצה אין חומה (משלי כ״ה). מען האט נישט קיין פארבינדונגען מיט די גוים און מען זעהט נישט צו אלע זייערע מנהגים און מעשים טובים, און אזוי אויך אנדערע חברותות וואס טויגען נישט, מען דארף זיך נישט שעמען פאר קיינעם צו גיין צניעות׳דיג טאקע וויא עס האט אמאל אויסגעזעהן, אד״ג.

בפרט לעצטענס וואס עטליכע קהילות זענען ב״ה נתעורר געווארען אויף די וויכטיגקייט פון וואוינען חוץ לעיר און זיי ארבעטען מיט מסירת נפש אויף דעם צו קענען געבען די מעגליכקייטען זיך ארויסצוציען פאר די אלע וואס זענען דערין אינטערעסירט און פארשטיין די גרויסע וויכטיגקייט דערפון, וואס דאס איז בעה״י א געוואלדיגע הצלה, איז אודאי יעדער יחיד מחויב זיך אנצושטרענגען מיט אלע מעגליכקייטען זיך ארויסצוציען פון שטאט פאר די אייגענע טובה און פאר די טובה פון די משפחה.

ג) היינט איז דער חיוב נאך פיל פאכיג גרעסער געווארען מיט דעם וואס צוליבען גרויסען דירות־מאנגעל מופט א חלק היימישער עולם אין די פראדזעקטץ בהכרח ובאונס, מען וואוינט דארט צוזאם מיט אלע גוים רשעים ארורים וטמאים, וואס דאס איז א גורם צו פארשידענע קלקולים בגשמיות און ברוחניות, וואס עס איז עלול קאליע צו מאכען א מענטש ח״ו אויף לעולם ועד, בפרט אין די נייע צוגעבויטע פראדזעקטץ וואס ליידער קומען דארט פאר פארשידענע זאכען וואס איז שווער אראפצושרייבען, אז עס איז ממש א סכנה בגוף ובנפש דארט צו וואוינען, און כ״פ איז דאס גאר בגדר פון יהרג ואל יעבור, וואס להלכה איז א גרויסע שאלה צו מען מעג לכתחילה גיין וואוינען אין אזעלכע פראדזעקטץ מיט די אלע רוצחים ומנוולים וואס זענען מסוגל אויף דאס ערגסטע. (אויך איז דאס זייער וויכטיג צו וויסען פאר די אלע וואס וואוינען נישט דארט זאלען זיך היטען נישט גיין באזוכען אין די פראדזעקטץ). דאס וואוינען אינאיינעם מיט די מנוולים און

זעהן זייערע פארדארבענע מעשים איז אויסערגעווענליך שעדליך איבערהויפט פאר קינדער וואס קען חלילה קאליע מאכען לעולם.

פאר די אלע איז דער חיוב דאפעלט אזוי שטארק צו זעהן אויף אלע אופנים פטור ווערען פון די צרה וואס פריער, און דאס גלייכסטע אויב מעגליך זיך צו ציען אויסער די שטאט וואס לית דטב מינה. נאר די וואס ציען זיך ארויס דארפען זייער געווארענט זיין זיך צו ציען נאר אויף אזא פלאץ וואו עס איז א הונדערט פראצענטיגע גוטע אידישע סביבה, ווייל אז נישט האט מען מיטען מופען גארנישט מרויח געווען, די שכנים און מוסדות וכו׳ זאלען אלעס זיין ערליך אן שום שינוים, וואס מיט דעם קען מען האפען אויף ערליכע דורות בע״ה.

## פרק ז

# ציונות

**עד מתי יהיו עומדים עלינו** (מ׳ תנחומא שופטים ט״ו), **עד מתי רשעים יעלוזו** (תהלים צ״ד), **עד מתי לא תרחם את ירושלים** (תיקח״צ)

א) וויא לאנג וועלען מיר שווייגען און צוקוקען וויא די רשעי ישראל די ציונים מיט אלע זייערע נאכשלעפערס זענען מפקיר דעם גאנצען כלל ישראל און פארגיסען אידיש בלוט וויא וואסער, וואס מיט זייער רשעות׳דיגע ווירטשאפט שטעלען זיי איין אלע אידען אין א געוואלדיגער סכנה, עס איז נישט גענוג גאנצע חיבורים צוא באשרייבען וואס די ציונים האבען אנגעטאהן ביטערע צרות פארען כלל ישראל שוין באלד 80 יאהר. וויפיל לענדער זענען צוגרונד געגאנגען דורך זייערע מעשים תעתועים, וואו זיי האבען נאר א פוס אריינגעשטעלט האבען זיי גרויסע חורבנות אנגעמאכט.

איבערהויפט די לעצטע 27 יאר זינט עס איז בעוה״ר געגרינדעט געווארען בארצינו הק׳ א מדינה דורך גרויסע רשעים מינים און אפיקורסים, וואס וויא באוואוסט איז די מדינה אויפגעשטעלט געווארען מיט די איינציגע פינסטערע כוונה אויסצומעקען דאס גאנצע אידישקייט, עס זאל ח״ו נישט איבערבלייבען קיין זכר פון ערליכע אידען וואס האלטען די תורה הק׳ (כמבואר בסה״ק ויואל משה), און כדי דאס צו קענען אדורכפירען האבען זיי אהערגעשטעלט א מדינה מיט א רעגירונג און מיליטער וכו׳, וואס חוץ וואס דאס נעמען א מלוכה פאר משיח קומט איז פארבונדען מיט גאר שרעקליכע איסורים, וואס די גמ׳ זאגט (כתובות קי״א.) אז דאס וועט רח״ל אנברענגען גרויסע צרות אויף אלע שונא״י ח״ו, און דאס איז אפילו ווען אלע וועלען דארט ערליך זיך אויפפירען, וויא נאך היינט וואס בעוה״ר איז דאס לאנד א פלאץ פון ע״ז גל״ע און שפ״ד, וואס מען איז עובר אויף די תורה מיט מעשים להכעיס נאך ארגער וויא ביי גוים להבדיל, וואס דאס הפקירות און פריצות איז דארט אזוי מורא׳דיג גרויס אז דאס איז פשוט נישט מעגליך אפילו אין געדאנק פארצושטעלען. די אלע פוקרים וואס זיי זיצען דארט ביים טיש הערען נישט אויף צו טראכטען און פלאנירען אלע וועגען וויא אזוי אויסצורייסען די תורה הק׳ פון די אידישע הערצער, און זיי טוען בפועל אלעס וואס איז אין זייער מעגליכקייט דאס דורכצופירען, און אויך זענען אויסגעשפרייט זייערע טמא׳נע הענט אויף די חוץ לארץ׳דיגע לענדער (ע׳ פ״י אות י׳). זיי פראבירען מיט אלע זייערע מעגליכקייטען

אויסצורייסען די הייליגע אמונה פון אידישע הערצער, עס זאל ח"ו נישט בלייבען אויף דער וועלט קיין אידען שומרי תורה ומצות.

ב) דאס ציוניזם איז דער גרעסטער נסיון פון היינטיגען דור און פון אלע צייטען. די צדיקים האבען עדות געזאגט נאך מיט 60־70 יאר צוריק אז דער רעיון הציונות איז די גרעסטע און געפערליכסטע קליפה וואס איז אראפגעקומען פאר ביאת משיח כדי מנסה צו זיין אידישע קינדער, און די סטרא אחרא ניצט אויס אלע איהרע כוחות עוקר צו זיין די תוה"ק, עס זאל ח"ו נישט בלייבען קיין שם ושארית בישראל, ד׳ ישמרנו.

אלע צרות וואס אידען ליידען אויף דער וועלט איז אין זייער כח, אלע אומגליקען ברוחניות און בגשמיות זענען זיי גורם מיט זייערע געמיינע מעשים. במילא מוז מען וויסען זייער געווארענט זיין נישט צו האבען קיין שום מגע ומשא מיט די רשעים, און זיך דערווייטערען מיט אלע כוחות פון אלע וואס האבען מיט עפעס א שטיקעל שייכות (ע׳ טיול בפרדס מהגה"ק משימלוי זצ"ל מער׳ לחם הפנים).

*ב) עס איז דא זייער פיהל צו שרייבען וועגען דעם אלעם, אבער דער עיקר וואס מיר ווילען זיך דא אפשטעלען און באמערקען איז נאר דאס. מיר פרעגען די ערליכע רבנים און צדיקים, היתכן! וויא אזוי איז דאס מעגליך און וויא אזוי מעג דאס זיין אז דער איינציגער קעמפער מיט מסירת נפש ממש קעגען די ציונים איז נאר גאון עוזנו עט"ר רועה ישראל הנאמן הגה"ק רשכבה"ג מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א (אשר לאורו נסע ונילך עד ביאת משיח צדקנו בב"א) ? דאס איז דאך אזא זאך וואס באריהרט יעדען איינציגען איד וואס האט נאך אין זיך א פינק פון יר"ש און וואס עס טוט עם וויי דאס שרעקליכע הריסת הדת, און בעיקר וואו זענען אונזערע רבנים גדולי ישראל ? פארוואס זענען זיי נישט מוחה מיט אלע כוחות קעגען די רשעי ישראל ? עס קומען ארויס שרעקליכע גזירות כסדר און קיין שום מחאה ווערט נישט דערהערט, וואו איז דער וויי־געשריי וואס עס וואלט געדארפט דערהערט ווערען און אויפשטורעמען די וועלט מסוף העולם ועד סופו, קעגען די אלע פינסטערע און שענדליכע מעשים נוראים וואס עס איז נאך אזעלעכעס נישט דעהערט געווארען ביי קיין שום אומה ולשון.

ג) לערך מיט א יאר צוריק ווען עס איז ווידער באנייט געווארען די ביטערע גזירה פון גיוס בנות און גיוס בני הישיבות, עס האט דעמאלס געהאלטען ביי א שרעקליכען מצב אז מען זאל חלילה נעמען אלע בחורים און כולל־אינגעלייט אין טמא׳נעם מיליטער אריין, איז דעמאלס אין ארץ ישראל אדורכגעפירט געווארען ריזיגע דעמאנסטראציעס דורך די רבנים וראשי הישיבות, וואו זיי האבען געשריגען אז טאמער חלילה די גזירה זאל נישט בטל ווערען וועט חלילה נישט בלייבען קיין ערליכער איד אין ארץ ישראל, ווייל אז עס איז נישט דא קיין כח התורה האט מען זיך נישט מיט וואס צו קענען האלטען אלס אידען, און אז די טאטעס ווערען אפגעריסען פון דערהיים, ווי אזוי קען שוין די משפחה אויסזעהן, און בפרט וואס די מיליטער איז א מקור מושחת וואו יעדער איינער וואס געפינט זיך א שטיק צייט אין אזא טמא׳נע מיליטער ווערט ער בעל כרחך אראפגעפירט פון וועג עכ"פ טיילוויז, ווער רעדט פאר מיידלעך איז דאך דאס א גזירה פון יהרג ואל יעבור לויט דעם פסק פון אלע רבנים. און יעצט פרעגען מיר געוואלד! עס האט געהאלטען ערענסט ביי אזעלעכע שרעקליכע גזירות וואס ליידער איז עס נאך אלץ נישט איינגאנצען בטל געווארען, און איבעראל האט מען מרעיש עולמות געווען, און דא אין אמעריקע איז ממש גארנישט געטאהן געווארען דערגעגען, עס איז דאך ממש א הימעל געשריי.

עס איז באקאנט אז דער עיקר פון וועמען די רעגירונג פון די ציונים האבען מורא איז פון די מחאות וואס מען מאכט אין חוץ לארץ, ווייל אין אר"י האבען זיי דעם עולם אין האנט און זיי לאכען זיך אויס דערפון, און ביז יעצט האט אויך נאר אויפגעטאהן די פעולות פון חו"ל, און אונז דא שווייגען, וואס מיר זענען די איינציגע וואס מיר זענען בכח עפאס אויפצוטאהן. איז שוין אזאנס דערהערט געווארען? מילא די סתם אידען און רבנים אין אמעריקע זענען דאך עפ"י רוב אליין ציונים, אבער די ערליכע אידען און גדולי ישראל דא אין ברוקלין (און אביסעל אין אנדערע טיילען ניו יארק), פארוואס שווייגען זיי, וואו נעמט מען אויף זיך אזא געוואלדיגע אחריות, בפרט וואס די גזירה איז נאר איינגעפרארען געווארען אבער ווער ווייס וואס די רשעים האבען נאך אין זייערע פינסטערע געדאנקען צו טאהן, זיי קענען דאך נישט איינרועהן ווילאנג זיי ווייסען אז עס איז נאך דא אויף די וועלט און בפרט אין ארץ ישראל שומרי תורה ומצות. די אידען אין אר"י לעבען טאקע כסדר אין גרויס פחד נישט וויסענדיג וואס דער מארגען קען מיטברענגען ח"ו, די רשעים טוען אפילו יעצט אויך אן פארשידענע צרות ונגישות פאר מיליטער פעהיגע בחורים און מיידלעך ד' ישמרנו.

ד) אויך די גזירה רעה פון נתוחי מתים איז די לעצטע פאר יאר אינגאנצען פארשוויגען געווארען הגם דער מצב איז אפילו מיט איין האר נישט בעסער געווארען פון פריער נאר אסאך ארגער לויט די פארלעסליכע קוועלען וואס מיר ערהאלטען פון אר"י. און אזוי איז דא נאך צענדליגער און הונדערטער שווערע גזירות רעות וואס מאכט חרוב די תורה און דאס גאנצע אידישקייט בארה"ק, און עס קומען נאך כסדר ארויס פרישע, מוסיף צו זיין אויף די ביז יעצטיגע צרות, און דאס איז חוץ דאס רדיפת הדת בכלל אין גאנצען לאנד, וואס מען האלט אין איין רודפ'ן ערליכע אידען אויף טריט און שריט, און מען טוט זיי אן צרות יגון ואנחה אויף יעדע קלייניקייט, אויף יעדע דבר שבקדושה דארף מען פירען מיט די רשעים א געוואלדיגען קאמף וואס עס איז שווער פארצושטעלען אין די ווילדסטע פאנטאזיעס, צו דאס איז ווען מען וויל אויפשטעלען א שוהל אדער א מקו' טהרה אדער א מוסד, אדער ראטעווען א קינד פון די טמא'נע קיבוצים וואו זיי זענען מעביר על הדת טויזענטער אידישע קינדער אן אויפהערליך.

ה) די נייע עולים וואס קומען אריין אין לאנד זיך באזעצען רייסט מען דאס ערשטע אוועק פון זיי די קינדער און מען גיט זיי אריין אין א טריפה'נעם קיבוץ כדי זיי צו קענען אויפהאדעווען פאר כופרים בעיקר און פאר מומרים להכעיס, וואס זאלן שפעטער אליין קענען העלפען אונטערגראבען אידישקייט, און זיי באנוצען זיך מיט די געמיינסטע וועגען דאס צו קענען דורכזעצען.

פאר די עלטערען וויל מען נישט געבען קיין ארבעט נאר אז ער איז גרייט מחלל שבת צו זיין, און מען שטעלט זיי אריין אין א דירה אדער א צריף אין א פארווארפענעם ישוב וואו ער איז געצוואונגען עסען טריפות און חמץ פסח. זיי לאזען נישט דאווענען אדער לייגען תפילין, עס איז נישט דא קיין כשר'ע מקוה אין די אלע פלעצער. די אלע אידען האבען אין די גלות־לענדער מיט גרויס מסירת נפש געקעמפט פאר אידישקייט, און מחנך געווען ערליך די קינדער לויט וויפיל עס איז מעגליך געווען, הגם אין רוב פלעצער איז דאס געווען שטרענג פארבאטען פון די רעגירונג, פונדעסטוועגען האט מען אויף גארנישט געקוקט, און אין אר"י צווישען די פארשאלטענע אידישע רשעים נעמט מען אן קעגען זיי אזעלכע מיני געוואלד־טאטען ביז זיי מוזען זיך אינגאנצען אונטערגעבען, חוץ אין איינצעלנע פעלער וואס עס געלינגט ארויסצוראטעווען א משפחה פון די רשעים'ס הענט.

אויך העלפען זיי ארויס די מיסיאנערען וואס ווערען כסדר גרעסער און שטארקער און שמד'ן אויס יערליך טויזענטער אידישע נפשות וואס בלייבען פארפאלען אויף אייביג, וואס זיי האבען זיך בארימט אין די צייטונגען וויפיל צענדליגער טויזענטער עס איז זיי שוין געלונגען אויסצושמד'ן א חלק אפען און א חלק אויף באהאלטענע וועגען. די וואס פראבירען ארויסצוראטעווען דארפען האבען דערצו גרויס מסירת נפש, ווייל זיי האבען פון די ממשלה אויסצושטיין געברוינטע צרות.

ו) און אזוי איז דאס פריצות אויף א שרעקליכען אופן אפילו אין ירושלים וכד', וואו דאס רוב זענען שומרי תו' ", וואס עס איז נישט מעגליך צו גיין אויף די גאס צוליב די מורא'דיגע פריצות און חציפות וואס מען באגעגנט זיך וכו' וכו', וואס די רשעים טוען אלץ מיט די איינע כוונה עס זאל נישט בלייבען קיין תורה רח"ל. די אלע זאכען וואס מיר האבען דערמאנט איז חוץ וואס עס ווערט נעבעך פארגאסען אזויפיל אומשולדיג בלוט דורך זייער טמא'נע מיליטער וואס איז א מקור אויף טומאה און זוהמא און שפיכת דמים וואס האט נישט קיין פארגלייך.

ז) און אויך דאס וואס זיי ברענגען אן מלחמות מיט די אראבישע לענדער וואס ביזען ענטשטייאונג פון זייער מדינה האבען אידען אין אר"י געלעבט זייער גוט מיט די אראבישע שכנים. דער באוואוסטער חורבן תרפ"ט וואו עס איז דערהארגעט געווארען ל"ע אסאך אידען מיט מיתות משונות דורך די אראבער הי"ד, דאס איז אלעס געווען די ארבעט פון די ציונים. אויך אין דעם שרעקליכען חורבן פון כלל ישראל וואס רוב בנין ומנין פון כלל ישראל זענען אומגעקומען אויף קידוש ד', האבען די ציונים געהאט דערין דעם גרעסטען חלק: 1) דורך זייער העצען די גוים נאך מיט אסאך יארען פאר דעם, וואס זיי האבען ביי די גוים אויפגעפלאקערט דאס אנטיסעמיטיזם אין די אייראפעאישע לענדער, און וואס אלע גדולים האבען מיט גרויס פחד נביאות געזאגט אז זיי קענען נאך רח"ל א גרויסען חורבן ברענגען אויף כלל ישראל מיט זייערע מעשים, וואס עס איז בעוה"ר מקוים געווארען, 2) דורכען עובר זיין אויף די 3 שבועות נישט צו פירען קריג און מיט געוואלד איינעמען אר"י פאר די ריכטיגע צייט פון משיח (כמבואר בסה"ק ויואל משה ח"א באריכות), 3) דורך נישט צולאזען קיין הילף פאר די פארפלאגטע הילפלאזע אידען אין די בלוטיגע לענדער פון די פארשידענע ארגאניזאציעס אין אמעריקע און שווייץ וכו', און די אלע געלטער וואס מען האט געשיקט צו ראטעווען אידען פון אוישוויצער גיהנם האבען זיי דאס צוגע'לקח'נט פאר זייערע אייגענע געברויכען, זיי האבען געהאט א שטארקען אינטערעס אז אלע אייראפעאישע אידען זאלען אוועקגעפירט ווערען קיין אוישוויץ, ערשטענס ווייל זיי האבען נישט געוואלט עס זאלן איבערבלייבען ערליכע אידען וואס זאלען מיט זיי פירען א קאמף און זיי נישט לאזען אויספירען זייערע אלע שווארצע פלענער. צווייטענס איז געווען זייער חשבון אז ווען עס ווען עס וועלען אומקומען אסאך אידען וועט מען זיי נאכען קריג גיכער מסכים זיין צו געבען א לאנד, פון גרויס רחמנות, וויא די אלע זאכען זענען שוין באריכות באשריבען געווארען אין ס' מן המצר וואס דער מחבר ז"ל איז געווען אין די יארען פון קריג אריינגעטאהן מציל זיין אידען פון טויט, און לויט וויא ער שרייבט האט מען בדרך הטבע געקענט אויף זיכער ראטעווען מיט געלט מיליאנען אידען וואס די ציונים האבען דאס אפגעהאלטען מיט די פריער דערמאנטע כוונות.

ח) די אלע זאכען איז ליידער גאר קיין נייעס. און פארוואס שווייגען מיר צו דעם אלעם? קול דמי אחינו צועקים אלינו! אונזערע טייערע ברידער און שוועסטערס שרייען

דאך ביטער פון אר"י פארוואס מיר לאזען צו די רשעים מטמא זיין דעם פלטין המלך מיט זייערע פינסטערע מעשים רעים, לאמיר זיך גוט באטראכטען וכי אין דין בישראל ? סוכ"ס מוז מען דאך דין וחשבון אפגעבען נאך 120 יאר אויף אלעם וואס מען האט געקענט טאהן און ראטעווען און מען האט דאס פארנאכלעסיגט און נישט געטאהן, האבען מיר טאקע א תירוץ מיט וואס זיך צו קענען פארענטפערען ? א חלק חשוב פון כלל ישראל (די ערליכע) וואוינען היינט אין ארץ ישראל זייט נאכען שרעקליכען צווייטען וועלט-קריג.

די אידען אין אר"י זענען וויא אין א תפיסה און קענען זיך אליין מיט גארנישט העלפען. אויף יעדע קלייניקייט שלאגט מען מכות אכזדיות און מען שפארט איין אין טורמע, אבער מיר אין אמעריקע וואס מיט הקב"ה'ס הילף זענען מיר ביכולת אויפצוטאהן, פארוואס זאלען מיר נישט טאהן, לא תעמוד על דם רעך. וויא זענען מיר אזוי געפאלען לעצטענס ? וואס אויף אונז ליגט דער אחריות צוצוהעלפען אז דאס ביסעל ליכטיגע תורה וואס עס איז נאך איבערגעבליבען אין ארץ ישראל זאל נישט אויפהערען ביז בגוא"צ, **עס זאלען נאך זיין אפאר ערליכע אידען מקבל צו זיין פני משיח צדקנו בב"א.**

לאמיר דאס מתקן זיין און פון יעצט און ווייטער אננעמען אלע אונזערע כוחות און נישט פארשלאפען די טייערע מינוטען, ווייל אפילו עס קען זיך אמאל דאכטען אז עס טוט נישט אויף, איז דאס אבער א טעות. ערשטענס איז דער פאקט אז די פעולות וואס ווערען דא אין חו"ל געטאהן האט די גרעסטע ווירקונג, צווייטענס טוט דאס אזויפיל בכל אופן אויף אז וויבאלד זיי זעהן אז ביי יעדע זאך וואס זיי טוען רודערט מען שטארק, האלטען זיי זיך אפ פון ווייטערדיגע שריט, ווייל זיי מאכען א חשבון וואס די וועלט וועט דערצו זאגען און וויא אזוי מען וועט דאס אויפנעמען. דריטענס איז דאס וויכטיג פאר אונז אליין און פאר דעם קומענדיגען דור מען זאל וויסען און נישט פארגעסען ווער די ציונים מיט זייערע העלפערס זענען און די גרויסע סכנה דערפון ווי ווייט מען איז מחויב צו דערווייטערען זיך פון זיי.

ט) אז מיר וועלען טאהן מיט אונזערע שוואכע כוחות וועט ד' יתברך אונז צוהעלפען, און בזכות זה וועט נתעורר ווערען דאס רחמנות פון השי"ת אויף אלע אידען, עס זאל מקויים ווערען ורוח הטומאה אעביר מן הארץ, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, און די מדינה הטמאה וואס איז מעכב די גאולה זאל שוין ענדליך אונטערגיין אן שום צער ונזק פאר אידישע קינדער, אמן.

## פרק ח

# כשרות און הכשרים

### עד מתי אתה מאכיל נבלות לישראל (חולין נ"ו:)

א) דער הייליגער צאנזער רב זי"ע שרייבט (ד"ח ח"א יו"ד סי' ז'), און דאס איז באקאנט, אז עס איז נישט דא נאך אזא עבירה וויא עסען נישט כשר'ע עסענווארג, וואס דאס טוט פארשטאפען דאס אידישע הארץ, און דורך דעם זענען א טייל קהילות געווארען כמעט וויא גוים, ווייל מען האט זיך אנגעגעסען מיט טריפות האט זיך געשטארקט די פרעמדע געדאנקען וויא לאנג זיי זענען פארלוירען געגאנגען פון כלל ישראל עכד"ק. דער

הייליגער צפנת פענח (יתרו ס"ד. ד"ה ונראה דשמעתי) און אין ספר דגל מחנה אפרים
ומלחם) ברענגען פון זייער רבי'ן דעם בעש"ט הק', אז דער וואס איז נישט געווארענט פון (עקב ד"ה
נישט כשרע עסען ווערט זיין שכל און דעת צוגעצוי' צו די טומאה און ער קומט דורך דעם
צו כפירה רח"ל און ער איז נישט מקבל קיין מוסר פון די חכמי הדור, און עס קומט אויף
עם דערנאך אומגליקען עכל"ק. דער פרי חדש שרייבט (יו"ד פ"א סעי' ז' וע"ש ברמ"א וש"ך
ופרמ"ג), ווייל מען איז נישט געוואָרענט די קינדער זאלען נישט עסען אסור'דיגע זאכען
גייען רוב קינדער ארויס אויף שלעכטע וועגען, און רוב זענען די עזי פנים פון דור, און זיי
האבען נישט קיין יראת שמים און זענען נישט מקבל קיין מוסר עכ"ל. דאס זעלבע
שרייבט דער חיד"א (במחזיק ברכה שם). דער אגרא דפרקא שרייבט (קכ"ו), מען זעט קינדער
וואס יונגערהייט לערנען און דאווענען זיי מיט כוונה און פירען זיך אויף גוט, און ווען זיי
ווערען גרויס ווערען זיי איבערגעדרייט מיט שלעכטע מדות און לערנען און דאווענען
נישט געהעריג, פון וואו נעמט זיך דאס ? די תורה פון די יוגענט ווען די מויל איז נאך
הייליג האט דאך זיי געדארפט שיצען זיי זאלען וואקסען אין תורה, נאר דאס נעמט זיך פון
דעם וואס די עלטערען האבען נישט ערליך געהאנדעלט און פון די נישט כשרע געלט זיי
עסען געגעבען, דורך דעם איז באיי געען געווארען אלע תאוות און שלעכטע מדות
עכד"ק. דער תפארת שלמה (האזינו ד"ה לו חכמו) שרייבט אויך אז ווען ער האט נישט קיין
ערליכע פרנסה טוט דאס עסען פון דעם געלט פארשטאפען דאס הארץ און גורם זיין
תאוות רעות רח"ל.

און אזוי ווערט אויך געברענגט אין זוה"ק (פ' שמיני) אז דאס עסען מאכלות אסורות
איז ממש וויא ער וואלט געדינט עבודה זרה און מען ווערט אייביג נענש און מען איז
קיינמאל נישט זוכה לעוה"ב, נאך ארגער וויא די פושעי ישראל וואס האבען יא צום סוף
עוה"ב (אויב זיי האבען נישט געגעסען מאכ"א עכ"ד). (וע"ע בשלה"ק אות קדושה דברים נוראים
באריכות גדולה, וע' בשו"ת בית הלל סי' מ"ח, ובאוחה"ק שמיני ד"ה אל תשקצו, וע' שו"ת חת"ס או"ח סי' פ"ג, וע' בנדחי
ישראל מהח"ח סי' כ"ח דברים נחוצים באריכות).

ב) מיר האבען איבערגעזעצט פון די פאר ספרים, נאר באמת זענען אלע ספרים
הק' פיל מיט דעם אז דאס עסען נישט פארלעסליכע זאכען טוט פארמאכען דעם הארץ
און די אויגען, און דאס ברענגט אריין א צומישונג אין די געדאנקען, מען ווערט ח"ו
קאלט אין די הייליגע אמונה, און דאס איז הארבער וויא אלע עבירות ווייל דאס טוט דעם
גאנצען מענטש איבערדרייען, און זיין גאנצער עקזיסטענץ שעפט ער פון די נישט כשרע
עסענס וואס פארפירט אום ח"ו ביזען אפגרונד, אז ער האט מער קיינמאל נישט קיין
תקומה, און זיין גאנצע דאווענען און לערנען וואס ער הארעוועט און פלאגט זיך דערויף
דעם גאנצען לעבען, גייט אלעס אוועק צו די חיצונים רח"ל, און דאס איז אויך משפיע
אויף די קינדער צום שלעכטען, און עס איז זייער שווער תשובה צו טאהן דערויף (הגם אז
מען טוט אמת'דיג תשובה העלפט דאס אויף אלעם און עס איז קיינמאל נישט שפעט, נאר
די כוונה איז אז דאס הארץ ווערט אזוי פארשטאפט אז דער יצר הרע האלט עם פעסט און
לאזט נישט תשובה טאהן, אזוי ווי עס שטייט אין שלה"ק, אז דער קערפער וואס איז
אויפגעבויט מיט מאכ"א קען מען נישט טוישען).

ג) יעצט לאמיר באטראכטען וויא אונז האלטען מיר מיט כשרות היינט, די
מכשולות ביי כשרות איז דא (אין אמעריקע) איינע פון די גרויסע חורבנות (ע' קונ' עד
מתי הנדפס בסוף קונ' זה). די נסיונות ביי כשרות זענען היינט פילפאכיג שווערער וויא
אין די פריערדיגע דורות, וואס דעמאלס זענען די עיקר חששות און מכשולים

פארגעקומען ביי שוחטים און ביי גויאישע מילך אדער וועגן פליגען און ווערעם אין די פרוכט גרינס אדער אין די מעהל אד"ג, אבער היינט צו טאג איז כמעט נישט דא קיין שום מאכל וואס מען נעמט אריין אין מויל וואס זאל נישט דארפען האבען זיבען בדיקות, דאס גאנצע כשרות אין די מדינה (וויא אויך אין אנדערע לענדער) איז צוגרונט איינגאנצען.

עס הערשט ביים אלגעמיינעם עולם א גרויסער בלבול המוחות, מען ווייסט נישט וואס עס איז כשר און וואס נישט, מען איז מחמיר סאך מאל און מען האלט זיך צוריק פון מאכלים, און נאך אלעם שטעלט זיך גאר ארויס אז אומוויסענדיג ווערט מען נאך אלץ נכשל אין פארשידענע מאכלים.

ד) אמאליגע יארען איז געווען א חזקה אז א רב גיט נישט ארויס פון זיין האנט א נישט קאמפלעטע זאך (פסחים ט'.), במילא האט מען זיך געמעגט אויף די רבנים איינגאנצען פארלאזען מיט אלעם (אין בודקין למזונות — ב"ב ט'.), אבער היינט וואס מען זעהט אז עס האבען נישט געטויגט אסאך הכשרים, און מען קען טרעפען ביי כמה וואס ביי זיי אליין אין שטוב איז דא פארשידענע מאכלים וואס עס איז א ספק צו עס איז פארלעסליך, און אז דער סתם איד זעהט דאס דארף ער שוין נישט מער פון דעם, דאס אליין איז שוין ביי עם דער בעסטער הכשר (מעשה רב, ואין בודקין מן המזבח ולמעלה — קידושין ע"ו.). אין דעם היינטיגען מצב ווייסט מען גארנישט אויף וועמען מען מעג זיך יא פארלאזען מיט כשרות און אויף זייערע הכשרים, און ווער עס איז נישט ראוי צו דעם, בפרט אז עס הערשט א געוואלדיגע הפקירות, (כל איש הישר בעיניו יעשה — שופטים י"ז), יעדער איז כשר אויף הכשרים אפילו אויפן גרויסען פארנעם, וואס ביי א טייל איז א גרויסער ספק צו מען מעג אפילו ביי זיי אינדערהיים עפעס טועם זיין, און דער עולם גולם איז אזוי פארנאדט אז אלעס גלייבט מען.

ה) צו זיין ראוי צו געבען א השגחה מוז דער בעל המכשיר האבען 5 מעלות: א) א מפורסם ביראת שמים און צדקות וואס איז נישט נחשד אז ער וועט פארהוילען דעם אמת צוליב מורא אז דער בעל הבית וועט עם אנטזאגען און ער וועט אנווערען זיין פרנסה. ב) א גדול בתורה וואס פארשטייט אלע הלכה־פראבלעמען. ג) א גרויסער מבין אין כשרות צו קענען מברר זיין אלע קאמפליצירטע זאכען וואס זענען פארהאנדען היינט ביים מאכען אלע סארט מאכלים, וויא אויך ביי די מאשינען וויא אזוי צו כשר'ן, מיט וואס מען שמידט די אויוועגס, בעקענס און אלע כלים דערצו. ד) ער זאל זיך נישט פארלאזען אויף שלוחים נאר זאל אוועקגעבען צייט און גיין נאכקוקען און מברר זיין וויא אזוי דער פראדוקט ווערט געמאכט פון אנהויב ביז צום סוף, און ביי די אלע פלעצער פון וויא עס קומען די אלע זאכען וואס ווערען דערין אריינגעלייגט, און זיך נישט פארלאזען אויף איינמאל וואס ער האט נאכגעקוקט, ווייל דאס קען זייער גרינג נשתנה ווערען. ה) א גרויסער פיקח וואס דער פאבריקאנט און געשעפטס־מאן קענען אים נישט פארנארען, און ער זאל זיין גוט באווארענט עס זאל נישט קענען פארקומען קיין פעלשונגען מיט זיין השגחה ביים פאקען אדער דעליווערען וכד'. דער סוחר זאל נישט קענען מאכען עקסטרע נאך אן זיין השגחה און דערויף ארויפלייגען דעם הכשר זיגעל וכו' (ע' לבושי מרדכי יו"ד ח"ג סי' ז'). ווי אויך מדקדק צו זיין בשום אופן נישט צו געבען א הכשר נאר אז דער פאבריקאנט איז א ערליכער איד א גרויסער יר"ש, וואס אָן דעם איז אלעס גארנישט (כמבואר בשו"ת ר"ח בליקוטים, ובס' הכנה דרבה אות כב), ווייל מען קען זייער גרינג אדורכפאלען מיט אלעם אינאיינעם וויא עס איז דערוויזען געווארען, און רוב היינטיגע הכשר־געבעדס האלטען לײדער נישט ביי די אלע דערמאנטע מדריגות.

ו) אידען מאמינים בני מאמינים, וואס מיר זענען א קלוג פאלק (דברים ד׳) לאמיר זיך ערענסט באטראכטען פון וויא עס נעמט זיך צו אונז אזא גלייכגילטיגקייט צו כשרות און הכשרים. וויא אזוי איז דאס מעגליך אז ווען מען זעהט נאר אויפגעדרוקט אויפן פראדוקט מיט שיינע אותיות אז הרב פלוני גיט א הכשר איז דאס שוין כשר למהדרין מן המהדרין, יאכלו ענוים וישבעו, חאטש א טייל מאל האט מען נישט אפילו די מינדעסטע ידיעה ווער דער בעל המכשיר איז, און צו ער איז א ירא שמים, אויף אזוי ווייט אז ער זאל זיך נישט פארקויפען פאר א פאר דאלער, ווייל דאס איז א זעלבסט־פארשטענדליכע זאך אז וויבאלד דער רב האט ביי דעם הכשר געבען א שטיקעל מקור אויף זיין פרנסה און פיל מאל די גאנצע פרנסה, איז דער נסיון זייער א שטארקער, און אז דער רב איז נישט ביי די מדריגה און דערצו א יר״ש פון קליינערהייט, פארוואס גיבען מיר פאר עם צוטרוי ביי אזא ערענסטע זאך וויא כשרות וואס שעדיגט די נשמה ל״ע אויף ביידע וועלטען. אויף די אלע זאכען וועט מען צום סוף אפגעבען א חשבון פארען ב״ד של מעלה און עס וועט נישט העלפען קיין תירוץ אז מען האט געגעסען אויף יענעם רב׳ס פלייצעס. עס זענען דא צווישען די מכשירים וואס מען טוט זיך אויף זייער הכשר פארלאזען וואס מען וואלט זיי נישט געבארגט אפילו 50 דאלער אָן עדות.

נאך א שיינעם אתרוג לויפט מען ארום וואכען פון סוחר צו סוחר, עס זאל זיין בתכלית הכשרות א הדר און א מובחר, וואס די מצוה מה״ת איז נאר איין טאג, און מען קען טרעפען גרינג און ביליג א כשרן אתרוג, נאר נישט אזא גרויסען הדר, און אויך קען מען יוצא זיין מיטען חבר׳ס אתרוג לכל הדעות, פונדעסטוועגען וויל מען זיך דערמיט נישט באגנוגען נאר מען שטרענגט זיך שטארק אן כדי יוצא זיין מיט אלע הידורים, און דאס אלעס וועגען חביבת המצוה. פארוואס ביי כשרות וואס איז א הארבע זאך און א לעבענס פראגע און מען לויפט נישט נאך צוא וויסען צו עס איז זיכער אין ארדענונג עכ״פ מעיקר הדין, ביי אזא הארבע זאך האט מען נישט קיין צייט נאר מען זוכט וואס ביליגער (אדם בהול על ממונו — שבת קי״ז). מיט די טענה פון התורה חסה על ממונם של ישראל (ר״ה כ״ז.), און מען פארלאזט זיך אינגאנצען אויף חאטש וועלעכען רב, מיטען נארישען חשבון אז עס איז אודאי פארלעסליך (רוב מצויין אצל „הכשרים״ מומחים הם), און נאך פילע תירוצים, און אליין נישט באמערקענדיג עסט מען צוזאם פארשידענע מאכלים וואס זענען ממש סם פארען גוף און פאר די נשמה.

ז) די סוחרים אליין דערציילען אז בעוה״ר קויפט א היבשער עולם גויאישע מילך, פוטער, סאדע, טונא, קענדיס אאז״ו, ווייל די וואס זענען מיט א הכשר איז פיהל טייערער.

*ז) מען קען זאגען אז לײדער איז היינט נישט דא כמעט קיין שטוב (חוץ ממש יחידי סגולה) וואס אלעס איז 100 פרצענט כשר אן שום ספק, נאר עס איז דא א חילוק פון איינעם צום צווייטען, ביי איינעם איז עס אויף א קלענערען אופן און ביי א צווייטען איז דאס כשרות שטארקער נאכגעלאזט, אבער אן גארנישט איז שווער צו טרעפען. און אזוי אויך איינער וואס היט זיך שוין אין א געוויסע מאס דארף ער אבער זייער געווארענט צו זיין נישט נאכצולאזען זיינע גדרים וכו׳, ווייל צוליב בושה אדער תאוה האט ער נישט קיין רעכט צו עסען פון אלעם וואס עס קומט עם אין האנט אריין אפילו ווען יעדער איינער ניצט עס.

מיר זיינען געבליבען ערשיטערט, אז עס געפינען זיך לײדער פיהל איידעלע חסידישע ווארימע אינגעלייט, וואס זענען נישט באקאנט אין די מאכלים וואס קומען

אריין צו זיי אין שטוב, זיי פארלאזען זיך גענצליך אויף די אידענע, וואס איז בכלל נישט קיין תירוץ כלפי שמיא (ע' רמב"ן ואוהח"ק בראשית שזה הי' חטא עץ הדעת).

**ז) די יונגע קינדער וואס האבען נישט טועם געווען טעם חטא טוט מען זייערע יונגע מוחות און קליינע הערצער פארשטאפען מיט אלע מינים נאשערייען און געבעקסען (קעיק"ס), וואס ביי רובא דרובא זענען דא גרויסע חששות, און וואס איז נאך דער וואונדער אז דער קינד האט נישט קיין צו גרויס חשק צום לערנען, און זיי וואקסען אויף אן דרך ארץ וכו', איבערהויפט ווען א גרויסער טייל פון די מאכלים וואס האבען די גרויסע חששות זענען בכלל נישט וויכטיג פארן געזונד, עס איז נישט אזעלכע זאכען וואס דאס עקזיסטענטץ און דערהאלטונג פון קינד זאל זיך ווענדען אין דעם. אלע דורות האט מען געלעבט אן די אלע סארט הונדערטער מאכלים און נאשעריי און מען איז געווען ב"ה געזונטער און שטארקער מער וויא היינט, אדרבא די דאקטוירים האלטען אז די אלע אומוויכטיגע זאכען וואס מען שטאפט די קינדער זענען זייער שעדליך פארן קינדס אנטוויקלונג ואכ"מ.

און אזוי טוט מען מיט די אייגענע הענט די קינדער אוועק'הרג'נען וואס פאר זיי פלאגט מען זיך אפ און מען ארבעט מיט ביטערען שוויס. מען וויל שעפען נחת דארט וואו מען פארשטאפט זיי מיט אלע דברים אסורים.

וואלטען עלטערען געלאזט א קינד עסען א זאך וואס איז א ספק גיפט? דער מסילת ישרים שרייבט (פי"א) אז מאכלות אסורות זאל מען באטראכטען וויא גיפט פארען קערפער, וואס מען וואלט זיך צו דעם נישט צוגערירט אפילו ווען עס זאל זיין איין פראצענט א ספק אז דאס איז גיפט, כש"כ חששות'דיגע מאכלים וואס דאס איז א סם פאר די נשמה, טאר מען זיך אודאי און אודאי נישט צורירען.

ח) אויך האט מען זיך דא צוגעוואוינט צום מנהג פון לאנד אז מען מוז קויפען אלע סארט מאכלים וואס עקזעסטירען אויף דער וועלט, יעדער מאכל וואס עס קומט ארויס אויפן מארק מיט א הכשר מוז מען דאס האבען אין שטוב וויבאלד עס איז געשמאק פארען צונג, און די סוחרים וואס פאבריצירען ווייסען פון פראקטיק אז יעדער מאכל וואס עס ערשיינט אין טרפה'ס מוז דאס נישט אויף לאנג דערנאך געבארען ווערען אין כשר'ס (כל דאסר לן רחמנא שרי לן כוותי' — חולין ק"ט:), וואס בלי שיעור מאל איז דאס כמעט א אומעגליכע זאך, און מען מוז צוזאמקראצען פארשידענע היתרים אויף וואס זיך צו פארלאזען און וואס איז נאר מותר בשעת הדחק, און אמאל אפילו דאס אויך נישט. נאר די סוחרים האבען שוין עצות און היתרים אז אלע טריפות אויף דער וועלט זאל קענען זיין כשר. און דאס איז אלעס צוליב די שגעון פון מענטשען אדער אידענעס וואס מיינען אז זיי מוזען האבען אלע תאוות פון דער וועלט, פונקט וויא דער גוי וואס ווייסט נישט פון עפעס אנדערש וויא פרעסען זויפען און רצח'נען.

מיר דארפען פארשטיין אז לא כאלה חלק יעקב, (ירמי' י'), נישט אזוי האבען מיר פון אונזערע זיידעס און רבי'ס מקבל געווען זיך צו פירען, אונז האבען מיר אנדערע דאגות וויא עסען און טרינקען א גאנצען טאג. יעדער פריש פאבריצירטער מאכל ברענגט מיט זיך פרישע נסיונות, ווייל אפילו שוין מיט א גוטען הכשר איז דאס וויפיל מאל מותר נאר בדיעבד און בשעת הדחק, און בפרט ווען דאס איז עפ"י רוב זאכען וואס מען קען זיך באגיין אָן דעם. מיר זענען א הייליג פאלק וואס מען האט זיך אלץ גע'הרג'עט פארען איינציגען באשעפער אויף א קוצו של יו"ד, פארוואס זאל מען נאכלאזען אין עניני

קדושה וואס דאס זענען די יסודי הדת וואס אין דעם הענגט אפ דער קיום פון כלל ישראל, דאס זענען נישט קיין פרומקייטען און חומרות, בפרט אז אלע חכמי הרופאים (און וויא עס שרייבט אויך דער רמב״ם און אלע סה״ק) אז דאס צופיל עסען איז שעדליך פארען געזונט און רוב יסורים און קראנקהייטען קומען פון צופיל עסען, אפילו שוואכקייטען קומען מער פון פיל עסען ווי פון ווייניג עסען וואס האט נאך נישט געשאדט פאר קיינעם.

מדינת אמעריקע בפרט איז געשטעלט אויף עסען און טרינקען וויפיל עס קען נאר אריין, עס טאר חלילה נישט פאריבער גיין אפאר שעה אן דעם וואס מען זאל זיך דערכאפען דאס הארץ מיט א סעודה. די גמרא זאגט (יומא ע״ה: ע״ש ברש״י ד״ה וקבע) אז משה רבינו האט איינגעפירט ביי אידען צו עסען צוויי סעודות א טאג, זיי זאלען נישט עסען כסדר וויא בעלי חיים, און דא איז דער מנהג פארקערט. בפרט אז איינער ווייס אויף א געוויסען מאכל אז דאס איז שעדליך פאר זיין געזונד און ער עסט דאס איז ער מתחייב בנפשו, ווייל אפילו לכבוד שבת איז עס כמעט אן איסור (פרי מגדים סי׳ פר״ח מש״ז סק״ב), דאס איז חוץ וואס דאס איבעריגע עסען שאדט צו די נשמה (ע׳ רמב״ן ריש קדושים וע׳ לב דוד מהחיד״א פט״ז באריכות וכן באריכות בסה״ק ראשית חכמה שה״ק פט״ו).

ט) עס איז דא זייער א גרויסער חילוק פון דא צו אינדערהיים אין אייראפע, וואס דארט איז דאס כשרות (וויא אלע אידישקייט ענינים) געווען אויסדריקליך אין די הענט פון רב דער מרא דאתרא, די שחיטה און די מילך וכו׳, במילא איז ביי דעם פשוטסטען איד געווען אלעס פארלעסליך באלד אזוי וויא ביים רב אליין, און דער גרעסטער ערליכער איד האט ביי עם געקענט איינשטיין און עסען אלעס, די אידענעס פלעגען אליין כשר מאכען דאס פלייש, אליין קאכען און באקען אלעס, צו אלע געקעכצען האט מען גענוצט נאר רויע געוויקסען פרוכט און גרינצייג וואס מען האט אליין גוט געקליבען, במילא איז כמעט נישט געווען אויף וואס חושש צו זיין, און אפילו די בעקערייען אד״ג זענען אויך געווען אלעס אויפן זעלבען שטייגער איז במילא געווען אלעס טאקע למהדרין. צוליב דעם זעלבען טעם האט טאקע נישט אזוי אויסגעפעלט צו רעדען פון די הארבקייט פון מאכלות אסורות, ווייל עס איז געווען דברים פשוטים, פונקט אזוי וויא עס פעלט נישט אויס א היימישען איד מעורר זיין צו לייגען תפילין וכו׳.

היינט איז אויפגעקומען א נייע וועלט, אלעס גייט מעשינעריש, מיט די נייע טעכניק איז אלעס געוואקסען, במילא איז דורך דעם אויך צוגעקומען אסאך שאלות און כשרות פראבלעמען. היינט איז שווער צו טרעפען א אידענע וואס מאכט אליין כשר פלייש, רוב אידענעס ווייסען אפילו נישט וויא אזוי מען זאלצט, מען האט צוגענומען די מצות חלה (ע׳ סי׳ רמ״ב באחרונים) און מליחה פון די אידענעס (ע׳ ק״ן סופר מכתב ס״א שמתאונן ע״ז), און דאס איז אלעס צוליב באקוועמליכקייט און צוליב דעם וואס די אידענע מוז גיין ארבעטען וויא אין מצרים (שמו״ר א׳ י״א).

י) מען קויפט כמעט אלעס פארטיג, קענס, קעיקס, נאשערייס, און וויפיל מאל דעם גאנצען נאכטמאל געקאכטערהייט גראד פון געשעפט סערווירט, און אפילו ווען מען מאכט דאס אינדערהיים ווערט אריינגעמישט פארשידענע זאכען (עפי״ר אָן א הכשר), צו מאכען א געשמאקען טעם, וואס נאך די אלע געמישעכצער איז שוין א ספק וויא כשר דאס איז, ווייל געוויסע זאכען וואס מען ניצט צום קאכען און באקען קענען אמאל זיין צוזאמגעשטעלט פון צענדליגע זאכען וואס אן א שטארקען קאנטראל קען מען נישט וויסען וואס פאר א חששות עס איז אלץ דא דערין.

עס איז היינט כמעט נישט דא קיין מאכל וואס עס דארף נישט ווערען גוט נאכקאנטראלירט, רוב מאכלים זענען פארבינדען מיט פארשידענע שאלות און ספקות, אפילו ביי גרינצייג איז דא פראבלעמען פון שפריצען, וויא נאך דארפען פאבריצירטע זאכען א געהעריגע בדיקה.

אויף די אינגרידיענטץ טאר מען זיך בכלל נישט פארלאזען נאר אויף מחמיר צוא זיין, ווייל עס איז דא א געוויסער פראצענט וואס מען מעג געזעצליך ארייננמישען וואס מוז נישט פארצייכענט ווערען צווישען די אינגרידיענטץ, און יעדער מאכל האט אן אנדער מאס וויפיל מען מעג מישען, און ביי אסאך פון די זאכען איז א ספק צו עס ווערט בטל בששים, (און אפי׳ יא איז לויטען תשובת הרא״ש ושו״מ מותר נאר דרך ארעי אבער נישט צו ניצען בקביעות, חוץ דעם וואס עס קען זיין אז עס איז פארמישט א דבר המעמיד אדער א מילתא דעבידא לטעמא וואס ווערט בכלל נישט בטל), און נאך פארשידענע שאלות וואס צו קענען דאס מברר זיין דארף מען זיין א גדול בתורה ויראת שמים, און מען מוז גרינטליך פארשטיין דעם גאנצען פראצעדור פון אנהויב ביזען סוף פון די אלע זאכען וואס קומען דערין אריין וכו׳.

יא) עס איז א גרויסער פארברעך פון די סוחרים און פאבריקאנטען וואס הייבען די פרייזען פון די כשר׳ע פראדוקטען פיהל מער וויא די אן א הכשר, הגם דער הכשר קאסט פיהל וויניגער וויא דער דיפערענץ וואס זיי רעכענען צו.

מיט דעם זענען זיי א מכשיל הרבים, וואס הונדערטער אידען ניצען לכבוד דעם אָן א הכשר (ע׳ אות ז׳). חוץ דעם איז א עולה אויסצוניצען דאס כשרות פאר ביזנעס. וואס אסאך משפחות וואס עס קומט זיי אן זייער שווער נאכצוקומען די הויכע פרייזען, וואס דאס יקרות איז אן דעם אויך געגנוג גרויס.

יב) דאס אלעס וואס מיר שמועסען ביז יעצט איז דארט וואו עס איז עכ״פ נאך דא עפעס א הכשר וואס הייסט כלומר׳שט פארלעסליך, וואס טוט זיך אבער מיט די אלע פראדוקטען וואס האבען בכלל קיין הכשר נישט און דער גאנצער עולם קויפט דאס. און אז מען איז איינעם דערויף מעורר, האט ער באלד דעם תירוץ גרייט אז דער און יענער שיינער איד און תלמיד חכם ניצט דאס אויך, מעג ער דאך אודאי, (אם בקשת ליחנק ליתלה באילן גדול — פסחים קי״ב). אפילו ווען ער האט זיך בכלל נישט איבערצייגט אויף די פארלעסליכקייט פון דעם מאכל. און הגם אז דאס איז ריכטיג אז דער תלמיד חכם און שיינער איד וואס עס קען זיין א קלער אז מען קוקט ארויף אויף עם, האט ער אודאי נאך א גרעסערען אחריות זייער אכט צו געבען מען זאל זיך נישט קומען אפצולערנען עפעס וואס טויג נישט ח״ו, וויא די גמרא זאגט (יומא פ״ו.) אז ווען א ת״ח אדער איינער וואס איז אנגענומען פאר א אדם חשוב אפילו ער האלט זיך נישט אזוי (ע׳ דבש לפי מער׳ ח׳ אות י׳) טוט אפילו א קליינעם פעלער, איז דאס שוין א חילול ד׳, אפילו ווען א פשוט׳ער מענטש טוט דאס וואלט דאס נישט געווען קיין פעלער, כש״כ ווען דאס קען גורם זיין א מכשול פאר אנדערע וואס לערנען זיך אראפ. ווייל שלעכטס לערענט מען זיך גרענגער אראפ וויא דאס גוטע טייל (ע׳ ירושלמי מו״ק פ״ב ה״ב מקלקלתא כו׳).

דאס אלעס איז אבער נישט קיין תירוץ פאר דעם סתם איד זיך מיט דעם צו קענען פארענטפערען אז ער עסט אויפן חשבון פון „מעשה רב״, ווייל ערשטענס פארוואס זוכט ער נישט ביי די ת״ח ירי״ש זיך אפצולערנען נאר דוקא די קולות. צווייטענס אז מען זאל פראבירען גוט נאכקאנטראלירען וועט מען ביי כמעט אלע די סארט זאכען קומען צום

איבערצייגונג אז ר׳ ראובן פארלאזט זיך אויף ר׳ שמעון און ר׳ שמעון אויף ר׳ לוי און ר׳ לוי אויף ר׳ ראובן, דאס איז א רינג וואס יעדער לייגט ארויף אויפן צווייטענס חשבון, עס איז א ביטער געלעכטער אבער דאס איז דאך אזוי דער פאקט. חוץ דעם וואס אמאל קען זיך טרעפען אז יענער טוט דאס וועגן געזונד וכו׳, אדרבה נישט נאר וואס מען טוט נישט ריכטיג מיט דעם וואס אלע קולות לערענט מען זיך אויס נאכצוטאהן, נאר עס איז גאר א חיוב יענעם מעורר צו זיין און מברר זיין פארוואס יענער טוט אזוי, אפשר ווייס ער טאקע נישט אדער מען האט עם פארנארט וכו׳. דאס איז די אויפגאבע אבער נישט זוכען קולות ביי יענעם נאכצוטאהן, זיך צו בארואיגען די נערוועו, דאס וואס דער צו יענער טוט איז נאך נישט קיין הכשר אויף דעם זיך צו מעגען פארלאזען.

יג) דאס כשרות אין די רעסטאראנען איז אויך אויף א נידעריגע שטופע נישט צו באשרייבען, עס קומען אריין אין די מאכלים אלע מיני געמישעכטץ מיט גרויסע חששות וואס ווערט דערנאך סערווירט פאר איידעלע מענטשען ויאכלו ענוים וישבעו. וויפיל היימישע אידען עסען אין די רעסטאראנען אדער לאנטשאנעטס, בפרט אין זומער וואס מען איז אליין אין שטאט די מערהייט פון די וואך, און מען עסט אויף תולה ארץ וואס עס לאזט זיך, אבי עס איז געשמאק און מען ווערט זאט, דאס איבעריגע איז נישט אינטערעסאנט פאר קיינעם. אויך מיטן זעלבען חשבון אז דער בעל הבית איז א גענוג פארלעסליכער איד און מען קען זיך מיט א רואיגען געוויסען אויף עם פארלאזען, און אפילו ווען מען ווייסט אז דער בעה״ב האט קיין שום הכשר נישט, וואס דאס פעלט אויס נישט ווייניגער וויא ביי אנדערע זאכען און נאך אפשר מער.

דאס איז חוץ וואס מען האט פארלוירען די בושה אינגאנצען זיך צו קענען אוועקזעצען עסען אין א אפענעם פלאץ וואו עס איז אלעמאל א געדרייעכטץ און געמישעכטץ מענער מיט פרויען, און וויפיל מאל וואס מען קען זיך נישט אויסהיטען נישט צו מוזען עסען ביי איין טיש מיט פרויען, און אויב זיי גייען נישט צניעות׳דיג קומט נאך צו אז ער מאכט ברכות לבטלות.

יד) דאס זעלבע איז אויך ביי די האטעלס, עראפלאנען, שפיטאל, פיצא, שמחות, אד״ג וואס ביי די אלע פלעצער איז נישט דא קיין שום השגחה, און די מכשולים זענען זייער גרויס, עס איז שווער צו זאגען אויף וואס דער ערליכער היימישער עולם טוט זיך באמת פארלאזען אין אזעלעכע הארבע ענינים.

טו) מען באשטעלט און מען קויפט אין גראסערי, קענדי־סטאר אד״ג אלע סאדט מאכלים וואס איז פארהאנדען, מען פארלאזט זיך מיט אלעם אויפן ערליכקייט פון סוחר, מיט דעם סמך אז אויף זיין געשעפטס־מאן קען מען זיך רואיג פארלאזען, און וואס ער פארקויפט איז אודאי אלעס כשר וישר און עס איז נישט דא וואס איבערצוקלערען. ווען מען זאל אבער גוט נאכפארשטען וועט מען געוואויר ווערען אז דער סוחר אליין איז אויך נישט באקאנט אין די אלע זאכען וואס ער פארקויפט צו זיי זענען טאקע ריין פון אלע חששות.

די סוחרים נעמען אריין אלע מיני מאכלים וואס ער ווייס נישט פון רעכטס ביז לינקט וואס מיט די כשרות פון די פראדוקטען טוט זיך, וואו דאס ווערט פאבריצירט און וויא אזוי. אז מען פרעגט דעם סוחר, טענה׳ט ער אז דאס איז נישט זיין אויפגאבע מברר צו זיין דעם חלק הכשרות פון אלע מאכלים, אויב דער קונה וויל זיין א מדקדק זאל ער זיך דאס אליין אינטערעסירען, און אזוי וויל מען זיך אליין אפנארען. שוין אפגערעדט פון די

סוחרים וואס צוליב ביזנעס רעדען זיי איין שקרים און ער נעמט דאס כשרות אויף זיין אחריות הגם ער האט דעריין קיין שום השגה, און מיט דעם איז ער מחטיא הרבים,און פארקויפט די נשמה פאר אפאר דאלער.

א סוחר דארף וויסען אז אפילו אן א אחריות טאר ער דאס אויך נישט טאהן עפ״י התורה, ווייל עס איז א חזקה אז א ערליכער איד וועט נישט ארויסגעבען פון האנט א נישט פארלעסליכע זאך (פסחים ט׳), במילא אפילו ער מוז האלטען אלע סארט מאכלים צוליב ביזנעס, מוז ער אבער ווארענען פאר די קונים וואס ווילען דאס קויפען אז ער טראגט נישט דעם אחריות און עס קען זיין דעריין חששות וואס מען דארף מברר זיין, אדער ארויסהענגען א טאוועל, און אפילו לכבוד דעם וועט ער אביסעל שאדען האבען, איז ער דאס אויך מחויב צו טאהן, און אפילו מיט דעם דארף ער ערשט פרעגען א מורה הוראה מובהק צו ער מעג דאס האלטען אין געשעפט, און אפילו ווען דער קונה וועט דאס אזוי אויך קויפען ערגעץ אנדערש. מיר האבען א כלל אז פון פירען זיך עפ״י התורה ווערט מען נישט ארימער נאר פארקערט (ודורשי ד׳ לא יחסרו כל טוב — תהלים ל״ד).

דאס אלעס איז געזאגט כלפי דעם סוחר אבער דאס אלעס טוט נאך נישט פארענטפערען דעם קונה וואס דארף וויסען און פארשטיין אז אויף א סוחר טאר מען זיך בכלל נישט סומך זיין, נאך דערצו וויא עס איז דאך גלאט א נארישקייט ווייל דער סוחר איז דאך נישט געווען ביים מאכען די אלע זאכען צו קענען וויסען צו דער מאכל איז טאקע פארלעסליך, אויפן בעסטען פאל פארלאזט ער זיך אויפן האלסעילער וואס ווייס פונקט וויפיל דער סוחר נישט מער, אדער אויפען פאבריקאנט וואס איז נישט באגלייבט ווען עס האנדעלט זיך אין פארדינען געלט, נאך אלעם האבען די אלע אינזינען זייערע פריוואטע ביזנעס אינטערעסען וואס דאס וועגט איבער אלעס, און במילא האבען זיי נישט קיין נאמנות אפילו זיי זענען אידען און האבען א בארד.

טז) דאס זעלבע איז אויך וואס צוליב דעם וואס די אידענע ארבעט, אדער צוליב אנדערע סיבות, איז דא וויפיל משפחות וואס קויפען פארטיגע סעודות פון געשעפט וואס חוץ די דערמאנטע קומט צו נאך חששות וואס מען דארף גוט נאכקאנטראלירען.

טוב) עס איז דא פרויען וואס דינגען גויטעס צו רוימען איבערהויפט קינפעטארינס, און ליידער גיט מען נישט געהעריג אכט אויף די ווייען, און אויך לאזט מען זיי אליין ווירטשאפטען אין קאך, וואס זיי געבען נישט אכט נישט צו מישען מיליכיגס מיט פליישיגס אד״ג, און זיי פאר׳טרפה׳נען די גאנצע שטוב.

חי) פורים איז דער מנהג ישראל אז די גוטע פריינט שיקען איינער צום צווייטען משלוח מנות, ווייין, קעיקס, נאשערייי וכו׳, און עס ווערט א גרויסע צומישעכטץ פון די אלע זאכען, דארף מען געווארענט זיין נישט צו ניצען פון אזעלכע וואס ער איז דערפון נזהר געוועהנליך, ווייל אפילו דאס איז פון א גוטען פריינט געשיקט וואס יענער איז פארלעסליך, טרעפט זיך אבער וויפיל מאל אז יענער האט דאס אויך נאר פון א צווייטען באקומען, וואס דער ערשטער בעל-הבית פון וועם דאס קומט קען זיין איז שוין נישט פארלעסליך, וואס ווען ער ווייס אז דאס קומט פון דארט וואלט ער דאס זיכער נישט געניצט.

יט) ביי די חתונות זענען פרהאנדען פארשידענע קעיטעדערס, און ליידער איז נישט דא כמעט קיין קעיטערער מיט א פארלעסליכען הכשר, דארט וואו דאס איז פון די וויכטיגסטע זאכען וואס דארפען א הכשר, און די מדקדקים זענען טאקע נזהר נישט צו

עסען אויף חתונות, תע״ב. עס איז זייער פיהל די חששות ביי די אלע סארט מאכלים וואס ווערט סערווירט אפילו ביי די גאר היימישע חתונות.

דער בעל שמחה טראגט א גרויס אחריות ווייל די געסט פארלאזען זיך אויף עם, און וויא מער ער איז מפורסם אלס ערליכער און איידעלער איד, אלץ גרעסער איז דער אחריות. אויך דארף דער בעל שמחה אכט געבען אויף די כלים (טעפ און געשיר) וואס ווערן גענוצט זאל נישט זיין די זעלבע פון די וואס ווערן גענוצט אויף אנדערע שמחות וואס איז נישט אזוי פארלעסליך.

ביים סוויט טעיבעל ווערט סארווירט מאכלים מיט גרויסע חששות, אויסער דעם איז דאס גאנצע סוויט טעיבעל גענומען פון די גוים, קובע צו זיין א טיש מיט אלע תאוות׳דיגע מאכלים נאר אויף דעם צוועק צו פרעסען און זויפען, און אויך שלעפט דאס צו א גרויס תערובות. און בכלל איז נישט קיין דרך ארץ צו עסען גייענדיג און שטייענדיג אויף אלע באקען, און כדי די געסט אויסצולערנען די מלאכה פון פרעסעריי ווארפט מען ארויס אידיש געלט, דארט וואו דאס גאנצע האט נישט קיין שום אידישן אינהאלט, און ב״ה אז לעצטענס האבען דאס שוין א טייל אידען אויפגעהערט. עס וואלט געווען א גרויסע מצוה דאס אינגאנצען מבטל צו זיין. (ע׳ טעמי המנהגים תתקס״א בקו״א).

כ) די אלע געבעקסען (קעיקס) וואס מען קויפט פארטיג פון בעקעריי איז דא גרויסע חששות אין די הונדערטער פלעווערס אד״ג וואס עס ווערט אריין געמישט אין אלע געבעקסען, און דאס ווערט גענוצט ביי אלע היימישע בעקערייען אן אויסנאם, און דער עולם ניצט דאס אלעס נישט וויסענדיג פון דעם אלעם, און אפילו די וואס זענען שוין יא מדקדק נישט צו ניצען נאר וואס מען באקט ביי עם אינדערהיים, ווערט מען אבער נכשל דערין ביי א שמחה אד״ג נישט וויסענדיג אזוי ווייט די הארבקייט דערפון, און דאס זעלבע די בני בית און די קינדער וואס פאר זיי איז מען מיקל צו עסען די טארטען און געבעקסען נישט טראכטענדיג אז עס איז ליידער נישט גוט. און אפילו די וואס האבען א הכשר פון רבנים קען נאך זיין גאר גרויסע חששות, ווייל עס איז כמעט נישט מעגליך מברר זיין אזויפיל פלעווערס וכדומה.

כא) אין טייל מוסדות התורה און סקולס און אין די קעמפס איז ממש שרעקליך דער מצב פון כשרות, מען גיט פאר די קינדער צו עסען וואס עס לאזט זיך, די עלטערען זענען דאך ביזי במילא פארלאזען זיי זיך אינגאנצען אויפן מוסד אז מען גיט אודאי אכט וויא געהעריג און מען ניצט נישט נאר וואס עס איז 100 פראצענטיג, און במילא קלערט מען גארנישט איבער ווייטער און די קינדער ווערן נעבעך אנגעשטאפט מיט אלע מיני מאכלים מפוקפקים וואס עס איז דא דערביי ערענסטע חששות.

די אלע זאכען ליגען ביי די מערהייט פלעצער אין בעלי בתישע הענט, און ביי זיי איז דער עיקר וויפיל עס איז דער דיפערענץ אין די פרייזען, און אזוי וויא די פרייזען זענען דאך זעלבסט פארשטענדליך מער ביי די וואס זענען שטארק פארלעסליך, ע״כ ניצט מען די אנדערע וואס זייער פארלעסליכקייט איז נישט זיכער, און איז געבויט אויף אסאך קולות.

וויא אויך קויפען די מוסדות פארטיגע פראדוקטען ווי קענס אד״ג און אויך די פארשידענע רעגירונגס פראדוקטען וואס ביי רוב זאכען איז דא גרויסע חששות און אויך בישול עכו״ם און דערפון קומען ארויס גרויסע מכשולים.

מיר געפינען אויך פאר וויכטיג מעורר צו זיין פאר די אלע פלעצער וואו מען נעמט א קעכער פאר א רבים, ת״ת, ישיבות וכדומה, דארף מען זעהר פארזיכטיג זיין צו נעמען א 100 פראצענטיגען ירא״ש ומדקדק, ווייל אויב נישט איז מיט אביסעל קלות קען ער (זי) אפ׳טריפה׳ענען אלעס, דארך מילכיגס אין פליישיגס וכדומה, וואס דאס קען אפטמאל זיין הארבער ווי א געקויפטע דבר איסור, ע״כ זאלען די מנהלים געווארענט זיין, און פאר דעם זעלבען טעם נישט לאזען בחורים דרייען זיך אין קאך.

אין טייל מוסדות איז אויך דא סאדע און קענדי מעשינען אד״ג וואס זענען בכלל נישט פארלעסליך, און עס איז נישט דא ביי די ענינים קיין באגלייבטע מענטשען וואס זאלען זיך דערמיט באפאסען און וואס זאלען טאהן דערצו עפעס צו פארעכטען די אלע קלקולים.

כב) מיר האבען דא דערמאנט געוויסע זאכען ביי וואס מען דארף זיך אכטונג געבען, אבער עס איז דא נאך אסאך זאכען וואס עס איז שווער זיך אפצושטעלען אויף יעדע זאך באזונדער (תן לחכם ויחכם עוד). נאר דער עיקר רבותי וואס מיר דארפען צו וויסען איז אז אונזער ביז איצטיגער צוגאנג און גלייכגילטיגקייט ביי אלע כשרות ענינים איז געשטעלט אויף פאלשע און אומבארעכטיקטע יסודות, מיט די אלע פאלשע חשבונות קען מען חלילה עסען ביז 120 יאר אלע מיני מאכלות אסורות ד׳ ישמרנו, און אויך די קינדער וואס מען האפט צו זעהן בע״ה אידיש נחת פון זיי, זיי זאלען וואקסען ערליך מיט תורה און יראת שמים בקדושה וטהרה, איז מען זיי אליין מאבד ווייל מען בארעכענט זיך נישט גוט איבער וואס מען טוט.

זאל דאס אפהיטען כשרות זיין ביי אונז אזוי חשוב וויא אנדערע גשמיות׳דיגע אומנויטיגע זאכען וואס מען איז גרייט צו ספענדען דערויף אסאך צייט, מען לויפט ארום וואכען אין קעלט און אין היצען די מעבעל זאל זיין מיט אלע פיטשיוקעס און אזוי ביי אנדערע זאכען. כש״כ ביי עניני שמים וואס זענען פון די יסודי התורה איז מען דאך אודאי מחויב לכה״פ אזויפיל צו טאהן, און זיך כסדר זארגען אויף דעם אז ער און די ווייב און קינדער זאלען חלילה נישט נכשל ווערען קיינמאל אין קיין נדנוד איסור וואס קען גורם זיין צו שלעכטע פאלגען ח״ו. אז אונז ווילען מיר טאהן דאס אונזעריגע וועט דער אויבערשטער העלפען מען זאל נישט צוקומען צו קיין חשש איסור (יומא לט. והתקדשתם כו׳), ווייל אהן סייעתא דשמיא קען מען במילא נישט אכט געבען פולקאם.

כג) דעסטגלייכען איז מען אויך נאך נישט יוצא מיט דעם וואס ביי עם איז ב״ה אלעס אויפן בעסטען אופן, נאר פונקט וויא ביי אלע מצוות אזוי אויך דא איז א גרויסער חיוב צו טאהן מיטען גאנצען כח אלע פעולות אז אויך ביי א צווייטען זאל זיין כשר (כל ישראל ערבים זה לזה — שבועות לט.). הגאון הצדיק דער צעלימער רב שליט״א שרייבט אין א תשובה אז צוליב מציל זיין אפילו איין איד פון עסען טריפות מעג מען א גאנצען לעבען דאווענען ביחידות און אפילו אינגאנצען נישט דאווענען, אויב ער האט נישט קיין מעגליכקייט צו קענען מציל זיין אויף אן אנדער אופן. (וע״ע באריכות בענין השגחה והכשרים בתשובות הגה״ק דשכבה״ג אדמו״ר מסאטמאר שליט״א באוצרות ירושלים תשט״ו ע״ש נועם דה״ק).

פרק ט

# חינוך

## עד מתי אתה עושה את ישראל בעלי מומין (ירושלמי תענית פ"ד ה"ה)

א) דער היינטיגער דור אין וואס מיר לעבען איז בעוה"ר זייער א שוואך דור. אויף די היינטיגע שווערע צייטען דעיקבתא דמשיחא וואס מיר האלטען שוין נאנט צו די גאולה הקרובה בב"א האט זיך דער ס"מ פארלייגט מיט אלע זיינע כוחות מכשיל צו זיין אידען מיט וואס נאר מעגליך, די חז"ל (סנהד' צ"ז.) האבען שוין מעיד געווען וואס פאר א גרויסע און שווערע נסיונות מען וועט מוזען אדורכמאכען, און די אלע זאכען זענען בעוה"ר מקוים געווארען, אבער מער וויא אלעס האט זיך דער יצר הרע פארלייגט אויף דעם חינוך, ווייל דאס איז דער עיקר, אז עס איז נישט דא קיין ערליכע קינדער איז אודאי דערנאך נישט דא קיין ערליכע אידען,במילא האט זיך דער יצה"ר פארלייגט מיט אלע זיינע כוחות אריינצוכאפען אין זיינע הענט דעם חינוך פון די קינדער וויא אויך די ערליכע תורה מוסדות, און אזוי נאך איז שוין אלעס ביי עם אין האנט.

ב) ניין מאס עזות איז אראפ אויף דער וועלט (קידושין מ"ט.). די גמ' זאגט (סוטה מ"ט:) אז די חוצפה וועט זיין גרויס אין משיח'ס צייטען און בעיקר דערקענט זיך א געוואלדיגע עזות און חוצפה נוראה ביים אינגען דור. אז מען איז איינעם עפאס מעורר, איז די תשובה „וואו שטייט דאס" ? (הגה"ק מהרי"ד מבעלז זי"ע האט געזאגט אז ווער עס פרעגט אויף א דבר שבקדושה אדער א מנהג קדוש וואס איז מקובל וואו דאס שטייט, איז ער רח"ל א אפיקורס — סי' אור הישר).

ג) עס איז נישט דא קיין דרך ארץ פאר א ת"ח און פאר א עלטערען מענטש. אויך ווייסט מען נישט צו מכבד זיין וויא געהעריג טאטע מאמע, די קינדער פאלגען נישט די עלטערען. די קינדער האבען די דיעה ביי איעדע זאך וואס און וויא אזוי צו טאהן אפילו ביי ערענסטע ענינים, וואו צו לערנען אדער ארבעטען, און אזוי אויך דערנאך ווען עס קומט צו שידוכים אד"ג, די עלטערען מוזען צושטימען צו אלע קינדערישע קאפריזען, און וויא וואוילע קינדער פינקטליך אויספאלגען דעם באפעל פון די קינדער און געבען דעם אָה־קעי אויף וואס די קינדער ווילען נאר, און מיט עזות פיהרען די קינדער אויס וואס זיי ווילען, אז טאמער די עלטערען ווילען נישט נאכגעבען ווערט באלד א פייערדיגע מחלוקת אין שטוב אז דער אויבערשטער זאל אפהיטען, ווייל די עלטערען האבען ליידער נישט קיין אייגענעם שכל וויא אזוי צו האדעווען-די קינדער און וויא אזוי זיך אומצוגיין מיט זיי ביי אלע פראבלעמען.

ד) אסאך עלטערען טוען זיך קריגען צווישען זיך אדער שמועסען זיך דורך זייערע פארשידענע פראבלעמען פאר די קינדערס אויגען וואס לאזט א שווערען איינדרוק אויף די קינדער, דאס איז שעדליך און מאכט פארלירען דאס חשיבות פון טאטע מאמע אין קינדס אויגען.

ה) אזוי אויך איז די גאנצע שפראך ביים יוגענט אן שום איידילקייט, די אמת'ע גדולי התורה און תלמידי חכמים האבען פארלוירען דאס חשיבות, עס איז בטל געווארען דער כבוד התורה, עס פעלט די 7 גוטע מדות וואס די חז"ל רעכענען אויס (אבות פ"ו מ"ט).

וויפיל מחלוקת און פירוד לבבות איז ליידער דא צווישען ערליכע אידען און

צווישען די חסידים פון איין רבי'ן צום צווייטען, אפילוביידע פירען זיך עפ"י תוה"ק אנע פשרות און וויתורים (לאפוקי הרביים והרבנים שמחוברים לטמאים שמקלקלים ומהרסים התורה שהם מהערב רב ופשיטא שאין להתחבר עמהם כלל ח"ו), און אפילו מען איז נישט קיין חסיד פון יענעם רבי'ן האט מען נאך אויך נישט קיין שום רעכט יענעם גורם זיין חלישת הדעת און משפיל זיין ערליכע אידען, וואס דאס אלעס שוואכט נאר אפ דאס ביסעל כבוד התורה וואס איז אונז נאך איבערגעבליבען ב"ה, און דאס איז געווענליך אויך גורם צו גרויסע חילולי ד'.

די אמת'ע גדולים וצדיקים וואס ארבייטען מרבה צו זיין כבוד שמים, און טוען דערין מיט מסירת נפש, איז מען זיי מבזה אין די גאסען מיט געמיינע אופנים. די גמרא זאגט (שבת קי"ט:) אז ירושלים איז חרוב געווארען ווייל מען האט מבזה געווען תלמידי חכמים, און ליידער גייט היינט אויך אלעס צוגרונט לכבוד דעם. ווייל צוליב די אומזיסטע בזיונות און רדיפות און געמיינע־טעראר שטיקלעך האלטען זיך די רבנים און עסקנים צוריק פון עוסק זיין אין צרכי ציבור ותיקון הדת, זיי האבען פשוט מורא וואס זיי וועלען ליידען דערפאר (ע' קרבן הערה סוף סוטה ד"ה והאמת).

ו) די עלטערען קוקען זיך נישט אום אויף די ערציאונג און אנטוויקלונג פון די קינדער, די טאטעס פארלאזען זיך אויף די מיינונג פון חאטש וועלעכען מענטש אין וואס פאר א מוסד זיין קינד אריינצוגעבען, אדער לויט וויא זיין אידענע באשטימט, וואס איהר מיינונג גייט לויט איהרע חבר'טעס און לויטען גשמיות'דיגען אינהאלט פון דעם מוסד, און לויט דעם ווערט באשטימט דער גורל פון זיינע טייערע קינדער, און אז א קינד באקלאגט זיך אויפן מוסד אדער אויפען מלמד, בפרט ווען דער מלמד האט עם געשלאגען (כמנהג אבותינו), רופט דער טאטע אן און באשולדיגט דעם מלמד און דעם מוסד. און אז די עלטערען זעהן נישט קיין הצלחה אין זיין לערנען וכו', וועט מען זיך נישט נעמען די צייט און מיה נאכצופארשטען די סיבה פארוואס דער קינד איז נישט צופרידען, און אפשר גאר איז שולדיג דער קינד אדער אפשר פעלט עם דער צוהילף פון דערהיים אדער פון א פריוואטען מלמד, נאר באלד ווערט דאס קינד פון דארט ארויסגענומען און אריינגעשטעלט אין א צווייטען מוסד, און אמאל קען מען זיך אזוי ארומווארפען מיטען קינד און מען שיקט עם אין איין מוסד נאכען אנדערען, און במילא פארדארבט ער דערמיט זיין קינד. דערנאך ווען מען כאפט זיך דערויף איז שוין אבער פארשפעטיגט, ער קען עם שוין נישט צוריק ארויפשטעלען.

ז) די קינדער הערען נישט קין מוסר פון טאטען, ווייל דער טאטע איז פאריאגט און פארפלאגט אין ביזנעס די גאנצע וואך, איבערהויפט די היינטיגע מאדע וואס איז איינגעפירט אז אויך פרויען און מאמעס גייען ארבעטען (ע' פ"ה אות ח'),וואס נישט געגנוג וואס דער טאטע איז פארשוויצט און פארקאפעט ביי די ארבעט און האט נישט קיין צייט פאר די קינדער, וואלט דאס עכ"פ די מאמע געדארפט אביסעל ערזעצען (ע' שלה"ק אות קדושה שעיקר חינוך לנערים שייך להאם), דערווייל אז זיא ארבעט אויך איז דאך בכלל נישט דא ווער עס זאל זיך געהעריג אומקוקען אויף די קינדער, און אפילו די מאמע ארבעט נישט איז זיא פארנומען מיט נאכלויפען נאך אויסברענגעריי און אלע אנדערע פארגעניגענס (ע' משכיל א"ד ח"ב נ"ז:), און ווען די קינדער קומען אהיים דרייען זיי זיך אין די גאסען אדער אונטער די אויפזיכט פון שכנים און בעיבי סיטער"ס אד"ג וואס די שעדליכקייט דערפון איז אומשרייבליך, מען איז מיט דעם ממש מפקיר די קינדער.

ח) נאך איינע פון די זאכען וואס שטערען פון זיך אפגעבען געהעריג מיט די ערציאונג פון די קינדער איז דער טעלעפאן, די אידענעס פארברענגען שעה'ן אויפן

טעלעפאן, די מאמעס וואס זיצען שוין יא אינדערהיים זענען אבער פארנומען מיט וויכטיגע טעלעפאנישע געשפרעכען,מיט די משפחה אדער חבר׳טעס אד״ג, במילא האט זיא נישט קיין צייט פאר די קינדער. ווען א קינד זאגט אדער וויל עפעס אדער א קינד ווינט, ווערט מען נערוועז און אומגעדולדיג, און דער כעס ווערט אויסגעלאזט צו די קינדער.

שמועסענדיג פון טעלעפאן וועלען מיר דערמאנען אפאר זאכען וואס דער טעלעפאן איז מקלקל: 1) מערסטענס זענען די שמועסען אויף גוראיש. 2) מען רעדט אלע מיני לשון הרע, רכילות, און אויך פיהל מאל ניבול פה. 3) אסאך קריגערייען זענען א גורם פון טעלעפאן וואס האט שוין ליידער צוגעברענגט פארשידענע צרות צווישען די געשוואוסטער, שוויגער און שניר, קרובים און באקאנטע אד״ג. אין פסוק שטייט (משלי כ״ה) אז מען זאל זיך נישט דרייען ביי יענעמס שטוב ווייל צופיל נאנטשאפט אפילו מיט א גוטען פריינט איז דער סוף אז מען ווערט שונאים (רש״י שם). דער טעלעפאן איז א צוויג דערפון וואס דורך דעם האט מען כסדר פארבינדונגען מיט די גוטע פריינט. 4) די קינדער הערען אלעס אויס וואס איז שעדליך. די 4 זאכען זענען צום חינוך אליין זייער שעדליך (ע׳ אות ט׳). 5) געפלאגטע ארבעטערס וואס מוטשען זיך צו דעקען יעדען חודש די הויכע טעלעפון בילס וואס ווערט מערסטענס געניצט דורך די אידענע. 6) די סאך צייט וואס ווערט אנגעברענגט מיטען טעלעפאן וואלט זיא געקענט טאהן פארשידענע שטוב־ארבעט, וויא ביגלען, נייען, שטריקען אאז״וו. און אזוי ווערט דאס ארויסגעגעבען צו לאזען מאכען פאר טייער געלט, ווייל זיא האט נישט קיין כח און צייט אנצויאגען דאס אליין צו טאהן.

מיר מיינען נישט צו זאגען אז דער עצם טעלעפאן טויג נישט. אלע סארט מעשינערייען און טעכנישע ערפונדונגען איז א גרויסע טובה און א הימלישע מתנה, נאר מען דארף וויסען יעדע זאך אויסצונוצען צום גוטען צו טאהן דערמיט דעם רצון ד׳ (אשר עשה האלקים את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים — משלי ז׳).

ט) די טבע פון א קינד איז אז ער כאפט אלעס אויף און באמערקט אלעס, זיי הערען אויס אלע שמועסען פון די עלטערען צווישען זיך, זייערע שמועסען מיט אנדערע אדער אויפן טעלעפאן. א קינד האט אפענע אויגען און אוירען, זיי זענען יונג און תמימות׳דיג, און עס איז זיך שווער אויסצוהיטען פון א קינד. עס איז פאלש וואס אסאך מיינען אז „וואס פארשטייט א קינד״. ער באמערקט און פארשטייט אלעס. מען קען נישט דערקענען וואס עס טוט זיך ביי א קינד אין הארץ.

דאס זעלבע איז מיט אנדערע ענינים וויא צניעות וואס א קינד לערענט זיך אראף לויט וויא עס זעהט. ווען דער טאטע דעווענט ביחידות אדער געכאפטערהייט, אדער ער לערענט נישט, טוט ער דאס זעלבע, און עס וועט נישט העלפען קיין שום מיטעל דערצו. מען קען נישט ערציען קינדער אויף זאכען וואס ער זעהט ביי די עלטערען אנדערש.

דאס איז א גרויסער יסוד ביי חינוך. דארפען דאס די עלטערען גוט אין באטראכט נעמען, און ביי אלעם איבער קלערען וואס פאר א רושם און השפעה דאס וועט ברענגען אויף די קינדער.

י) ביי חינוך פון די קינדער איז דער גאנצער בטחון אויפן מוסד וואו דאס קינד לערענט אז זיי געבען שוין אכט וויא געהעריג, וואס דאס איז א גרויסער טעות, ווייל אן די הילף פון די עלטערען איז ארויסגעווארפען די גאנצע ארבעט וואס ווערט אין מוסד

אריינגעלייגט אין די קינדער. ערשטענס איז דער קינד רוב מעת לעת אינדערהיים אדער אין גאס, צווייטענס איז אוממעגליך פאר א מוסד זיך צו קענען באפאסען מיט יעדען קינד עקסטרע וויא עס וואלט זיך געפאדערט, יעדער קינד האט א אנדער נאטור און פאדערט א באזונדערע באהאנדלונג וואס דער מוסד קען דאס נישט געבען. די מצוה פון חינוך איז געגעבען געווארען פאר די עלטערן, און דאס קען קיין צווייטער נישט אויספילען.

יא) עס איז פון די גאר וויכטיגע פליכטען פון עלטערן צו וויסען פינקטליך וואו דאס קינד געפינט זיך דורך די גאנצע 24 שעה אין טאג. די עלטערן מוזען האלטען אויף דעם א שטענדיגען קאנטראל צו אלעס איז טאקע אין ארדענונג, (מצוה בו יותר מבשלוחו), און נישט וויא דער מנהג איז אז מען גלייבט אלעס דעם קינד, א קטן האט עפ״י התורה נישט קיין נאמנות און אפילו גרעסערע קינדער שרעקען זיך אויך נישט פון זאגען שקרים, און מען טאר זיי אויך נישט געטרויען און נאך אפשר וויניגער וויא די קליינע. מען מוז געדענקען אז די גאס איז זייער שעדליך, די לופט איז פארפעסטעט מיט אלע רוחות רעות, במילא דארף מען כסדר נאכפארשטען וואס דער קינד טוט און וויא ער דרייט זיך און מיט וועם ער חבר׳ט זיך סיי אין קלאס און סיי אויף דער גאס.

*יא) אין די בעסטע מוסדות איז דא פארשידענע קינדער וואס מען דארף זיין געווארענט דאס קינד זאל כסדר האבען א גוטע חברותא (ע׳ אבנים מאירות ח״א אות חינוך מהגה״ק מבעלז), דאס איז ביי די אינגלעך און ביי בחורים און דאס זעלבע ביי די מיידלעך. דער הייליגער רמב״ם שרייבט (הל׳ דעות פ״ו ה״א) אז יעדער מענטש ווערט צוגעצויגען נאך די שכנים און חברים מיט וועם ער האט שייכות, און מען זעהט בחוש אז דאס איז גורם די גרעסטע השפעה אויפן מענטש, במילא איז דאס ביים חינוך פון די קינדער פון די וויכטיגסטע זאכען אויף וואס מען דארף אכט געבען.

יב) די עלטערן דארפען אויך צוהעלפען די קינדער אינדערהיים, לערנען מיט זיי, און אריינברענגען אין זיי אהבת תורה און יראת שמים מיט מדות טובות, און אלעס וואס עס פאדערט זיך צום קינדס ערציאונג. דאס לייגען שלאפען פון א קינד דארף זיין מיט יראת שמים און מיט א קול תורה, און א קינד דארף אויפשטיין הייליג אין אלע ענינים, זיי זאלען וואקסען מיט איידעלקייט און א ברען צו די הייליגע תורה און מצות, און נישט זיך פארלאזען מיט די אלע זאכען אויפן מוסד, ווי פריער דערמאנט. זיי דערוווייטערען פון זאגען ליגענט, דרך ארץ, אאז״וו. אויף דעם וועג וואס מען וויל אז דער קינד זאל זיך פיהרען שפעטער, דארף מען דאס אין עם איינפלאנצען פון אינגערהייט (חנוך לנער כו׳, ע׳ קידושין ל׳. רש״י ד״ה עפ״י דרכו).

יג) עס איז זייער וויכטיג אז די עלטערן זאלען זיך פון צייט צו צייט געטרוי איבערשמועסען אלע פראבלעמען מיט די מנהלים און מחנכים וויא דאס קינד לערנט, צו וויסען וויא זיי פירען זיך אויף אין חדר, אויף דעם אופן איז צו ערווארטען אז עס וועט אריינקומען א ברכה אין די ארבעט, אז מען זייט אן געהעריג וואקסען ארויס גוטע פירות, און אזוי קען מען דערנאך בע״ה שטיין פעסט קעגען אלע שטרויכלונגען און נסיונות וואס איז דא אויף יעדען ריר אכי״ר. (וע׳ בעניני חינוך בשלה״ק שער האותיות אות דרך ארץ באריכות, וע׳ בדעת תורה וכף החיים ושאר אחרונים סי׳ שמ״ג).

## פרק י

# חדרים און ישיבות

### עד מתי עוזך בשבי ותפארתך ביד צר (תחנון לב׳ וה׳)

א) מיר האבען שוין פריער דערמאנט אז דער עיקר קיום התורה באשטייט אויף די מוסדות התורה וואו די קינדער לערנען און וואקסען. בעוה״ר זענען היינט דא זייער ווייניג ערליכע מוסדות, און נאך וויניגער זענען די מוסדות וואס פירען זיך 100 פראצענט אויפן אלטען אמאליגען שטייגער אן פשרות און שינויים, און ביי די איינצעלנע וואס זענען יא גוט איז אויך נאך דא אסאך פעלערס וואס מען דארף פארעכטען מען זאל דאס קענען אנרופען על טהרת הקודש. היות וויא דאס פאדערט א אריכות געהעריג צו באשרייבען, וועלען מיר דא נאר אייניגע וויכטיגע פונקטען דערמאנען בקיצור.

ב) אין די חדרים פון די אינגלעך איז איינגעפירט צו לערנען לימודי חול (עלעמענטער״י סקול), וואו מען לערענט מיט די קינדער גויאישע לימודים א פאר שעה אין טאג, עס איז אלעמען באוואוסט דער גרויסער קאמף וואס די גדולי ישראל האבען געהאט מיט א פאר דורות צוריק, וואס זיי האבען בשום אופן נישט געוואלט לאזען איינפירען קיין גויאישע לימודים אין די ערליכע חדרים, אלע גדולים אן אויסנאם זענען ארויס מיט מס״נ דערקעגען ווייל זיי האבען געהאלטען אז דאס וועט ברענגען ח״ו א חורבן (ע׳ מעשי אבות), און לויט ווי די גדולים אליין באשרייבען איז דער עיקר מלחמה געווען געגען די לימודי חול פון חדרים און הגם אויף געוויסע פלעצער האט דער געזעץ געצווינגען אויך פאר בחורים, אבער דאס איז כמעט אין ערגעץ נישט געווען איינגעפירט, עכ״פ אפילו וואו עס איז נישט מעגליך געווען לויז צו ווערען דערפון און עס איז געווען א חשש פון תפיסה זיצען כו׳, איז מען געגאנגען נאר וויפיל די רעגירונג האט ארויפגעצווינגען און נישט מער, און וויא עס איז נאר מעגליך געווען האט מען זיך דערפון ארויסגעדרייט.

און דאָהי האט מען דאס איינגעפירט אין אלע חדרים הגם די רעגירונג טשעפעט נישט אפילו מען לערענט דאס אינגאנצען נישט, אזוי וויא מען זעהט ביי די איינצעלנע פלעצער וויא דאס איז ב״ה נישט איינגעפירט אפיציעל, אבער צו גיין דאס איינפירען פון אייגענעם ווילען, האט קיינער פון די פריערדיגע גדולים נישט מתיר געווען. די חז״ל זאגען (שבת קי״ט:) אז קינדער טאר מען נישט מבטל זיין פון תורה לערנען אפילו צו בויען דאס ביהמ״ק, און דאס ביהמ״ק איז צוליב דעם חרוב געווארען, ווייל מען האט זיי מבטל געווען פון לערנען. זייער מויל און מח דארף זיין הייליג נאר אויף לערנען די הייליגע תורה וואס אויף דעם שטייט די גאנצע וועלט, און פון וואו נעמט זיך דער היתר מבטל זיין יעדען טאג אפאר שעה אויף ענגלישע לימודים ?

ביכער האט מען דאך נישט קיין אייגענע כשר׳ע, נעמט מען די וואס מען ניצט ביי די גוים להבדיל, און אפילו מען שניידט שוין ארויס דאס אפענע אפיקורסות זענען די אלע ביכער אבער פיל מיט גויאישע טרפה׳נע געדאנקען וואס דאס קען מען נישט ארויסנעמען. צו קען מען אנרופען א הבל שאין בו חטא אויף די קינדער וואס מען פילט זיי אן מיט די אלע גויאישע זאכען ? עס איז לידער קיין וואונדער נישט פארוואס מען זעהט וויפיל קינדער וואס פארלירען דעם חשק צו תורה, ווייל די 2 זאכען פארען זיך נישט. דער הייליגער חת״ס (בהצוואה) רופט דאס אן כלאים, וואס די תורה האט גע׳אסר׳ט.

ג) דאס איז גערעדט פון אונזערע היימישע ת"ת, פון די אנדערע חדרים און ישיבות וואו מען האט אינגאנצען משנה געוועז דעם דרך האבות און מען לערענט היי"א סקול און נאך שינויים, פון די ווילען מיר איבערהויפט נישט רעדען, הגם ליידער איז שוין היינט דא א גרויסער עולם וואס שיקט אין די פלעצער, אבער ווער עס האט נאך אביסעלע אפענע אויגען קען זעהן אז ליידער קומט פון די אלע פלעצער נישט ארויס קיין גוטס, און אפילו עס קומען ארויס גאנץ פיינע תלמידים אויך, איז דאס גאר קיין באווייז נישט.

ד) די חברותות אין רוב מוסדות איז א געמישטע פון פארשידענע היימען, וואס דאס ברענגט צו געווענליך אז דער שלעכטער קינד, אדער דער קינד וואס איז פון א שוואכערע סארט היים איז משפיע אויפן גוטען קינד וואס וואלט געקענט לויט זיינע מעגליכקייטען שטארק וואקסען.

ה) די שוואכע התמדה אין לערנען איז א מכת מדינה, עס איז נישט דא וואס זאל געבען פאר א בחור א חשק צו לערנען. די מנהלים ומחנכים לייגען נישט קיין געוויכט ארייננצווארצלען יראת שמים און קדושה וואס דאס ברענגט צו אהבת תורה. דאס לערנען איז נאר אויף יוצא צו זיין אן עמקות מברר צו זיין א הלכה גרונטליך. די בחורים זענען מבטל צייט מיט הבלים און פאליטיק וואס די לופט איז פיל דערמיט, כסדר שמועסט מען איבער אלע נייעס און נארישקייטען. מען עסט אלעס וואס טויג נישט (ע' פ"ח אות כא). די בחורים דרייען זיך אין די גאסען וואו זיי זעהן זיך אן מיט אלע נישט ריינע זאכען וואס פאר א בחור שאדט דאס זייער. די בחורים רייכערען ציגארעטלעך אמאל באהאלטען און אין געוויסע פלעצער אפען וואס איז השחתת ממון און נישט שיין פאר א בחור. און אפילו דאס האט זיך אינדעהיים אויך געקענט טרעפען ביי וואילע בחורים, איז אבער הכל כמנהג המדינה, דאהי ווייזט דאס אויף קלות, דאס עצם רייכערען ציט צו וויא א מאגנעט צו די קלים וריקים וואס ביי זיי איז דאס ערשטע זאך דאס ציגארעט אין מויל מיט וואס זיי ברענגען אן די צייט ביי א מושב ליצים.

ו) אז עס קומט בין הזמנים איז איום ונורא צו זעהן וויא הונדערטער בחורים קוקען נישט אן א גמרא, זיי דרייען זיך ארום ליידיג אין אלע גאסען, און קיינער קאנטראלירט נישט נאך וואס זיי טועהן, זיי זענען ממש הפקר 5-6 וואכען, אז דאס ביסעל תורה און יר"ש וואס א בחור זאפט זיך אן א גאנצען זמן ווערט דאס צובלאזען בין הזמנים (ע' מהרש"א שבת ובמטה אפרים תר"ג סעי' ו'). זיי פארברענגען ביז שפעט ביינאכט מיט אלע דברים בטלים, דאדורך שלאפט מען צופרי ביז סוף זמן ק"ש ותפילה, און דערנאך דאווענט מען שחרית אין אפאר מינוט, אדער אין בעסטען פאל שטעלט מען צוזאם א בחורים-בין-הזמנים-מנין אום 10-11 אזייגער.ביים נייעם זמן קען אריבער פיהל וואכען ביז ער קומט צו זיך און ווערט א מענטש, בכל אופן איז דער לאנגער בין הזמנים זייער אסאל מקלקל די בחורים וואס איז נישט מיטען געדאנק פארצושטעלען.

ז) עס ווערט זייער ווייניג געוויכט געלייגט אויף גוטע מדות און בעוה"ר האלט מען שוין גאר ביי דעם מצב דאס די מוסדות התורה אליין לערנען אויס די קינדער צו גניבה און שקרים, און במילא וואקסען די בחורים מיט עזות און חוצפה וואס איז אומבאשרייבלעך. דאס איז מיט די פארשידענע רעגירונ"ג פראָגראַמען וואס די מוסדות באקומען די שטיצע פון רעגירונג, וואס דאס ווערט אויסגעניצט אויף פארשידענע שווינדלערייען. די אלע זאכען ווערט געטאהן געווענליך באהאלטען, אבער ביי א טייל זאכען מוז מען האבען די אונטערשריפטען פון די בחורים און א טייל מאל צאלט מען צו די תלמידים זיי זאלען האבען חשק מיטצוהעלפען דערצו, וואס דאס איז פארבונדען מיט

ליגענטס און גניבה. און ביי רוב ישיבות דארפען די בחורים פארען אונטערשרייבען אויף אזעלעכע פלעצער וואו זיי זעהן און הערען אלע אומריינע זאכען, און אויך דאס אליין אז א בחור דרייט זיך ארום מיט טאשען־געלט איז זייער נישט גוט, די אלע זאכען זענען שעדליך און האבען א שלעכטע השפעה (מה יעשה הבן שלא יחטא).

ח) דעסטגלייכען לערענט מען אויס די קינדער וואס פאר א ליגענט צו ענטפערען ווען מען קומט פון שטאט נאכקאנטראלירען צו עס שטימט אלעס לויט וויא עס איז איינגעגעבן געווארען, און אזוי איז לעצטענס געווארען נאך פארשידענע נישט שיינע זאכען וואס ווערט געטאהן ביי די פארשידענע פראגראמען אלעס נאר צו קענען ארויסציען נאך אביסעל געלט פון די רעגירונג.

ט) די שעדליכקייט פון אזא מין חינוך איז ממש געפערליך. ערשטענס וויא געזאגט לערענט מען אויס צו ליגענט און גניבה אד"ג, דערנאך זענען זיי זיך מורה היתר צו גנב'ענען אויך אויף אנדערע אופנים, ביי טעלעפאנס און נסיעות אאז"וו, און מען ווערט מורגל אז גניבה פון א גוי איז א היתר גמור וואס איז לויט רוב פוסקים א איסור דאורייתא, בפרט פון מלכות (ע' חו"מ שנ"ט סעי' א'), וואס אויך אלס יונגערמאן פארגעסט ער נישט דערפון, און דאמאלס זענען שוין די השגות גרעסערע, מען גנב'עט און מען נארט אויס קארס און אויך אנדערע צענדליגע זאכען, וואס אמאל איז דאס געווען א זעלטענהייט, און היינט איז דאס שוין גאר קיין חטא נישט, עס איז דא א פארטיגער היתר פון עבר ושנה נעשית לו כהיתר (מו"ק כ"ז:), און נאך א היתר אז ער מוז נישט זיין א גרעסערער צדיק וויא די מוסדות וכו' וואס גנב'ענען אויך אויף וואס פאר א אופן עס לאזט זיך (ווילאנג מען כאפט נישט).

און עבירה גוררת עבירה אז ליידער האט זיך די קליפה פון גניבה אזוי אריינגעריסען אז מען טרעפט שוין היינט היתרים צו גנב'ענען אויך ביי א היימישען אידן און אפילו ביים חבר, מיט פארשידענע ערמות, שומו שמים! אמאל אז איינער האט דאס געזאגט האט מען עם אנגעקוקט אז ער וויל פשוט אנרעדען שלעכטס און באשמוצען ערליכע אידען, היינט אבער דארף מען חלילה זיין בלינד צו קענען אפלייקענען די טרויעריגע פאקטען וואס יעדער זעהט דאס שוין אפען און קלאר. ווען מען הערט פון די שרעקליכע מעשיות וואס פאסירען צווישען היימישע משפחות ווערט מען אויפגעשוידערט, מען פארשטייט נישט פון וואס דאס אלעס נעמט זיך, דאס איז ווייל מען קלערט נישט אריין באצייטענס אין די אלע פעלערען וואס מיר האבען דערמאנט, און מען זוכט נישט קיין עצות וויא אזוי דאס אלעס צו פארעכטען ביי אלעם איז מען קאלט און גלייכגילטיק.

צווייטענס איז צוליב דעם איינגעפירט געווארען אויף פארשידענע לערען־פראגראמען אויף נישט קיין שיינע אופנים וואס מיר ווילען נישט דערמאנען בפרטיות, וואס איז אסור עפ"י התורה. דריטענס ווערען די מוסדות אויסגעהאלטען פון נישט ערליכע געלטער וואס אין די סה"ק שטייט אז דאס פירט אראפ פון אידישען וועג רח"ל. (ע' אגרא דפרקא קכ"ו, אגרא דכלא שופטים ד"ה כי הגוים (השני), שו"ת בית ישראל סי'...) . פערטענס איז דאס גורם צו א גרויסען חילול ד' כידוע (ואכ"מ). עס האט געזאגט א אדם גדול היינטיגע צייטען אז ווילאנג די מוסדות האבען זיך געהאלטען אויף ערליך כשר אידיש געלט, האט דער אויבערשטער געהאלפען אז אין דעם זכות פון קיום התורה איז געווען פרנסה בשפע, און היינט אז די מוסדות ווערען אויסגעהאלטען פון די גוים און דורך גניבות, איז טאקע די

פרנסה שוואך געווארען, און הגם מען נעמט נאך אלץ פון היימישע אידען וויפיל נאר מעגליך, אבער דאס איז שוין נישט אזוי נויטיג אויפצוהאלטען דעם מוסד.

י) עס איז אויך געקומען אויף אונזערע ישיבות א גרויסע צרה דורך די ציונים וואס איז ליידער זייער אסאך מקלקל.

איינע פון די דרכים הטמאים מיט וואס די ציוניסטען באנוצען זיך איז אריינצוברענגען זייערע טמא'נע רעיונות צווישען ערליכע אידען, וואס זיי טועהן אויף פארשידענע וועגען.

צו דעם צוועק שיקען זיי פארשטעלטע בחורים און אינגעלייט אין די ישיבות און אין די כוללים פון ארץ ישראל (און אביסעל אויף חוץ לארץ). זייער ארבעט איז שטילערהייט אריינצוברענגען א גייסט פון פרייקייט און הפקירות אין די בחורים. דאס ווערט געמאכט איבעראל אויף אנדערע אופנים. איין מענטש קען אין א גאנץ קורצע צייט איבערפיהרען א גאנצען מוסד אדער א גאנץ קהל.

זיי זוכען אויך וועגען זיך צוצושטופען צו די הנהגת הישיבה אדער קהל אד"ג, און כמה פעמים וואס דאס געלונגט זיי, און דערנאך ווערען זיי די גאנצע רעדעל־פיהערערס און דיעה־זאגערס ברוחניות און בגשמיות, וואס זיי נוצען דאס אויס אויף אלעס איבערצופיהרען, דאס ווערט זעלבסט פארשטענדליך געטאהן זייער שטייט און מיט גרויס זהירות, וויפיל עס פאדערט זיך מען זאל נישט כאפען זייערע פינסטערע כוונות, און ליידער האבען זיי מיט די סארט מיטלען מקלקל געווען אומצאליגע פלעצער.

יא) דאס איז דער אב הטומאה, דער עיקר אבער איז זייער כוונה די תולדות, ווייל נאך אלעם איז דא אסאך מוסדות וואס געבען דערויף אכט, און זיי קענען נישט אנקומען איבעראל מאכען די קונצען.

זייער חשבון איז בעיקר אז פון די אלע פלעצער וואו זיי געלונגט אריינצוקומען און אפ'סמ'ען די מוחות, וועט זיך דאס על כרחך צושפרייטען אין אלע פלעצער. ווייל בחורים וואנדערען געווענליך פון איין ישיבה צו די אנדערע, און זיי טוישען זייער לערען פלאץ אויף א אנדערע ישיבה, במילא קומען זיי אן איבעראל, און דאס איז בעסער וויא אלעס, ווייל די בחורים זענען דאך אינגאנצען אומשולדיגע און האבען בכלל נישט קיין שום בייזע כוונות עפעס צו פארדארבען. נאר וויבאלד זיי זענען שוין צומישט מיט די טרפה'נע השקפות פון די רשעים טמאים, הגם זיי זענען באמת הונדערט פראצענט ערליך און פרום אפילו בפנימיות, אבער עס לעבט אין זיי דער שלעכטער גייסט וואס איז אין זיי אריין.

במילא קומט אויס אז אפילו אין די גאר היימישע מוסדות וואו מען נעמט נישט אריין נאר די וואס שטאמען פון ערליכע שטובער און האבען געלערענט אין ערליכע חדרים און ישיבות, קומען אבער די סארט בחורים יא אריין, ווייל זיי האבען דאך די אלע מעלות, און עס איז נישט דא וואס צו באמערקען א חשש. דערנאך ווערען זיי חברים מיט די בעסטע בחורים, זיי לערנען און דאווענען און זענען פרום, אבער די שלעכטע גייסט פון עזות און הפקירות האבען זיי לרוב וואס דאס איז משפיע אויף אנדערע, און עס ווערט צושפרייט אין גאנצען ישיבה אד"ג דער גיפט פון פרייקייט.

יב) און חוץ דעם אלעם איז דא נאך א גורם צו דעם אלעם, וואס די גאנצע לופט אין ארץ ישראל איז פארדארבען, וואו איינער גייט הערט ער נאר מינות, פון מלחמות, נצחונות, כוחי ועוצם ידי, פריצות, חוצפה און עזות הפקירות אד"ג, וואס די אלע זאכען

זענען מבלבל דעם מענטש וואס וואוינט אין אר"י און לעבט דאס אלעס מיט. דאס איז א גרויסער נסיון וואס מען דארף האבן ריזיגע כוחות נישט נשפע צו ווערן פון די אלע זאכען.

בפרט וואס דאס איז א רעגירונ"ג וואס מיט יעדע זאך איז מען אנגעוויזען אויף זייערע חסדים און נישט ווילענדיג האט מען מיט זיי כסדר פארקער. און אויך איז דא די פראפאגאנדע פון די פרומע כיתות ציונים, וואס האבן צוטאהן מיטען היימישען עולם, און זייער שלעכטע השפעה פילט זיך, זיי זענען די געטרייע שלוחים פון די מדינה (פאר'ן שכר פון געלט און כבוד) אריינצוברענגען א בלבול המוח ביי די ערליכע אידען שומרי תו"מ.

יג) דער מציאות ווייזט אז די גרעסטע פראבלעמען אין די ישיבות אד"ג איז מיט די ארץ ישראל'דיגע בחורים וואס זענען דורך די אויבען דערמאנטע זאכען אונטער די השפעה פון די קליפת הציונות. און די מוסדות וואס האבען אסאך תלמידים פון אד"י שפירען דאס צום שטארקסטען, און הגם די הנהלה אליין כאפט זיך נישט דערויף, אבער דאס קען מען זעהן אז דער רוח איז פיל מיט עזות און פארדארבענע מדות, וואס א גרויסער טייל דערפון איז די פירות פון ארץ ישראל'דיגען אימפארט.

יד) און דאס זעלבע איז שייך אויך ביי בעלי בתים, אבער דער עיקר פיהלט זיך דאס ביי בחורים וואס אויף זיי ווערט מער פארלייגט די כוחות, וואס פון שטענדיג אן איז די ארבעט פון די ציונים געווען אריינצוכאפען די יוגענט, וואס מיט דעם כח האבען זיי אין אייראפע איבערגעפיהרט גאנצע לענדער פאר'ן קריג, מאכענדיג יוגענט-גרופעס אין אלע שטעט וואס זיי האבען אריינגעכאפט אין זייער נעץ די פרומע אידען און בני ישיבות בעוה"ר (ואפשר להאריך בזה מאד ואכ"מ).

די אלע שטיקלעך און שפיצלעך און אלע צרות וואס ווערט געמאכט ביי די מוסדות (וויא אויך די גניבות וכו' וואס מיר האבען פריער דערמאנט) זענען אלעמאל די ארץ-ישראל'דיגע בראש, זיי זענען אויף אלעם די ערשטע בעלנים און די מערסטע איבערגעשפיצט דערצו. אויך די געדרייטע און אומריינע סארט פרנסות (וויא דרייווערס און טראקינג און סעילסלייט וכו' וכו') האבען זיי איינגעפיהרט דאהי.

טו) ע"כ דארף מען זייער שטארק נזהר זיין און אכט געבען אויף יעדען בחור צו ער איז תוכו כברו מיט יראת שמים און איידעלקייט, און ער איז נישט עלול ח"ו צו אנמאכען קלקולים ביי אנדערע. און ד' יתברך זאל העלפען מען זאל נישט נכשל ווערען, מען זאל קענען מרביץ תורה וטהרה זיין און אויפשטעלען א דור ישרים יבורך, אמן.

## פרק יא

# מיידלעך-שוהלעס

**עד מתי אתה מוסר עמו של אלקינו להריגה** (ב"מ פ"ג:)

א) דער עיקר יסוד אויף וואס די שוהלעס זענען געגרינדעט געווארען איז, אריינצוברענגען און אויפצוהאדעווען אונזערע טעכטער זיי זאלען בלייבען געטריי, און זיך פירען אויף אונזער אלטען אידישען וועג פון אלע דורות, מיט יראת שמים, מדות טובות און דרך ארץ, תמימות און נישט וואקסען א אויפגעקלערטע און געבילדעטע, זיך

פיהרען מיט צניעות אין קליידונג און מיטען רעדען וויא אויך צו וויסען אז דער עיקר צניעות איז אינדערהיים און נישט אויפן גאס אדער מיט ארבעטען אין דער פרעמד (ע' פ"ה אות ט'), כשרות אפצוהיטען אין שטוב (ע' פ"ח), לערנען הלכות חלה מליחה יחוד אד"ג, מוסר ספרים [ווי צאינה וראינה, מנורת המאור, קב הישר, עת לעשות, שבט מוסר, פלא יועץ אאז"וו], און דאס קוקען אויך אינדערהיים, וואס היינט קען מען באקומען פארלעסליכע הלכה ספרים אין אידיש דירעקט פאר פרויען און מיידלעך וואס דאס ברענגט אריין קדושה און יר"ש, זיי דערציילען מעשיות פון צדיקים און צדקניות וואס רעדען פון מעשים טובים, וואס זיי קענען דערפון עפעס לערנען, אריינברענגען א חיות און ווארעמקייט צו אידישקייט און צו מצות ומע"ט (ע' פ"ג אות ז'), א ליבשאפט צו תורה. איהר גאנצע שטרעבונג זאל זיין אויף דעם צו האבען א מאן א תלמיד חכם, און וויסען אז דער תכלית איהרע איז צו זיצען אין שטוב און צו האבען א פיהלע שטוב מיט קינדער, און זיך מיט זיי אפצוגעבען און האדעווען זיי זאלען וואקסען בקדושה און זיין ערליכע אידען ת"ח (ע' פ"ה אות יא). זי זאל וויסען זיך צו באגנוגען מיט ווייניג און נישט נאכלויפען נאך אלע מותרות און תענוגים פון דער וועלט, ווייל ביי א איד איז דער עיקר יענע וועלט חיי נצחי וואס אויף דעם דארף מען הארעווען און אוועקגעבען די כוחות (ע' פ"ב), זיי זאלען וויסען די געוואלדיגע שעדליכקייט פון די גויאישע גאס, און אז מען דארף זיך מיט אלע כוחות דערווייטערען פון די אלע גויאישע מנהגים, און ח"ו נישט אנקוקען קיין טרפה'נע ביכער צייטונגען מאגאזינען אדער הערען ראדיא ח"ו, וואס דאס אלעס פירט חלילה אראפ דער מענטש פון אידישען וועג (ע' פ"ג).

עס איז פאר די קינדער אויך זייער וויכטיג מסביר צו זיין אין וואס פאר א שווערען דור מיר לעבען, און זיי מחזק זיין זיך צו האלטען פעסט קעגען אלע ביטערע נסיונות, נישט זיך לערנען פון קיינעם נאר דאס גוטע טייל, אז מען מוז וואוינען אין א גאר היימישע געגענט צווישען בלויז ערליכע אידען (ע' פ"ו). די מיידלעך טאר מען נישט אריינלאזען אין קלאס נאר אנגעטאהן שטארק צניעות'דיג, און קאנטראלירען אז אויך אין שטוב פירען זיי זיך געהעריג מיט אלעם, וויסען זייער חברותא אינדערויסען פון שוהלע און אז זיי דרייען זיך נישט ארום ליידיג אין די גאסען (ע' פ"ט אות י'). די מיידלעך זאלען נישט רעדען בשום אופן נאר אין דער אידישער שפראך דאס זעלבע אינדערהיים און מיט די חבר'טעס, אאז"וו.

ב) דער עיקר איז נישט דער עיקר דאס פיהל לערנען זיך צו פארהערען און וואקסען א בקיאה און מלומדת וואס אויף דעם ווערט געלייגט דער געוויכט, דאס איז דער טפל. דער עיקר איז דער יראת שמים אד"ג וואס מיר האבען טיילווייז דערמאנט, זאלן מיר אונז נישט פארדרייען און מאכען פון עיקר א טפל און פון טפל א עיקר.

ג) אזוי וואלט געדארפט צו זיין דער חינוך וואס מען גיט די מיידליך, דאס איז אבער נאר מעגליך ווען די מנהלים און מחנכים שטרעבען נאר אויף דעם וויא אזוי צו האדעווען א דור פון ערליכע כשר'ע מאמעס, וואס אין דעם דארף דער גאנצער קאפ ליגען.

ד) וויא אזוי זעהט באמת אויס דער מצב אין די ערליכע מיידיל שוהלעס? די לערערינס זענען מערסטענס מיידליך אדער יונגע ווייבליך וואס האבען נישט קיין רייפען מיושב'דיגען דעת. די לערערינס וואלטען געדארפט זיין א מוסטער מיט צניעות און איידלקייט וויא אזוי זיך צו פיהרען, און ליידער זעהט מען דאס פארקערטע פון דעם. די קליידונג זייערע איז געוועגליך זייער ווייט פון אמת'דיגער צניעות, דאס זעלבע זייער

גאנצע פירעכטץ און יראת שמים איז נישט אזוי שטארק כדי צו קענען משפיע זיין אויף אנדערע, זיי האבען נישט קיין קראפט אריינצוברענגען אווארעמקייט און ליכטיקייט צו די הייליגע תורה, יעצט וואס פאר א געפיהל קען דאס מאכען אויף די תלמידות, און וואס פאר א השפעה באקומען די קינדער פון זיי אז דאס לערנען איז ממש אין קאנטראסט צו די מציאות וויא זיי פיהרען זיך, וואס פאר א רושם מאכט דאס אויף א קינד אז ביי אלע זאכען וואס ווערט מיט זיי געלערענט זעהן זיי ביי די ערציהערען דאס פארקערטע, וואס פאר א פנים קען שוין האבען אזא מין חינוך אפילו ווען מען זאל שוין יא לייגען דעם געוויכט אויף די דערמאנטע ענינים, כש״כ אז דאס איז דער טפל.

ה) צווישען די לימודי קודש ווערט אויך געלערענט תורה (למשל חומש מיט רש״י אד״ג, כמבואר בסה״ק ויואל משה מלה״ק פמ״ח) אויף דעם אופן וואס איז אסור צו לערנען מיט מיידליך. די גמ׳ זאגט (סוטה כ׳. ויו״ד רמ״ו סעי׳ ו׳) אז דאס איז גלייך וויא מען לערענט מיט איהר תיפלות ח״ו (ועי״ש בירו׳ שמוטב לשרוף ד״ת מללמדו עם נשים), און היינט איז דאס געווארען א גאנצער היתר.

ו) די מיידליך לערענט מען אויס זינגען וואס איז ווייט פון צניעות, אז זיא ווערט געוואוינט צו זינגען זינגט זי אומבאמערקט אויך ווען עס דרייען זיך מענער וכו׳, דאס זעלבע לערענט מען מוזיק וואס איז נאך פיהל אדגער. מען געוואוינט איין די קינדער צו פארשידענע שפילען וואס זענען זייער נישט באשיידען.

ז) דאס לערנען גויאיש מיט די מיידליך אפילו אין די נידריגע קלאסען איז א גרויסער ספק צו דאס איז וויכטיג, ווייל במציאות איז דאס א גרויסער גורם צו פארשידענע צרות וואס קומט ארויס פון די גויאישע לערנונגען.

*ז) די סקול פרינציפאלס ביי די גויאישע לימודים זענען אלע פראסטע מענטשען מיט וויניג יר״ש, וואס זיי האבען זייער א שוואכען געפיהל צו אלע אידישקייט ענינים, זייער באנעמונג מיט די מיידליך איז ממש איום ונורא, און אזעלעכע קלים פיהרען אן דעם גאנצען פראגראם מיט אלע לימודים.

אויך די טיטשער״ס זענען דאס זעלבע, ווייל דער פרינציפאל נעמט אזעלעכע לערערנס וואס עם געפעלט, און די האבען ליידער זייער א גרויסע השפעה אויף די תלמידות אין אלע הינזיכטען, מיט זייער פיהרונג און השקפה. די מיידליך וואלטען געדארפט וויסען אז פון די טיטשערס אד״ג טארען זיי זיך נישט אפלערנען נאר וואס עס איז וויכטיג צו די לימודים, אבער נישט זייערע געדאנקען וויא זיך צו פיהרען. און בעוה״ר פירען זיי איבער די גאנצע סקול און מאכען חרוב די מיידליך אינגאנצען.

ח) די פארשידענע ביכער (ביכל ר״ת כ״ל ב׳איה ל׳א י׳שובון, סוסה״ק ויואל משה עש״ה) וואס ווערט געלערענט זענען פיל מיט שלעכטץ, און אפילו דאס אפיקורסות ווערט ארויסגענומען (?), אבער די ביכער זענען פיל מיט די גויאישע געדאנקען מיט זייערע טמא׳נע ווענען וואס דאס ווערט יא געליינט, און דאס איז א געפערליכער גיפט פאר יעדען און כש״כ פארען חינוך פון א קינד.

דאס זעלבע איז מיט די פארשידענע מאגאזינען וואס מען טיילט אין שוה״ל וואס זענען אויך פיל מיט זייער נישט קיין שיינע בילדער. (און אויך טראגט מען דאס אהיים מזכה זיין די ברודערס אד״ג). דאס אלעס נעמט צו דעם חשק פון ליינען הייליגע ספרים, און ברענגט אריין א חשק און געוואוינהייט צו אלע גויאישע ליין-מאטריאל.

ט) זיא ווערט אויך צוגעוואוינט צו רעדען ענגליש וואס אין פיהל סקולס לאזט

מען נישט די קינדער רעדען אין קלאס נאר ענגליש אפילו צווישען זיך, וואס דער פאקט איז אז דערנאך רעדען זיי אויך אינדרויסען און אינדערהיים נאר ענגליש וואס געוואוינט זיי איין צו אלע גויאישע ליטעראטור (ע׳ פ״ג אות ז). און נישט געגוג דאס, גיט מען איהר מיט אהיים האום ווארק, אז זיא זאל זיך מיט די ביכער אויך אינדערהיים אנשטאפען דעם קאפ, און עס זאל נישט בלייבען קיין פרייע צייט, ווייל זיא קען נאך חלילה אין די צייט נכשל ווערען מיט ליינען מוסר ספרים אדער זאגען א אידישווארט אדער ארויס העלפען אביסעל די מאמען אין איהר שווערע שטוב־ארבעט און זיך אפגעבען מיט די קלענערע געשוואוסטער.

י) ווען עס ענדיגט זיך די אכטע קלאס טוען זיי גראדואירען, די מיידליך טוען אן ספעציאלע אוניפארמס, און מען מאכט א מארש וואס מען לערענט זיך דערויף מיט עטליכע וואכען פריער, די טיטשערס און מיידליך האלטען רעדעס (ספיטשע״ס) אאז״וו, דאס אלעס ממש וויא להבדיל ביי די גוים רח״ל, וואס פון זיי האט מען געלערענט וויא אזוי אונזערע קינדער מחנך צו זיין.

יא) דאס איז ביי די 8 עלעמענטער״י קלאסען, וואס איז אבער נאך דעם ? די מיידליך לערענען נאך אפאר יאר אין היי״א סקול, און דארט ווערט ערשט מיט זיי געלערענט די ריכטיגע גויאישע זאכען וואס זיי האבען נאך ביז דעמאלטץ נישט די זכי׳ געהאט זיך צו ערווערבען, מען לערענט זיי אויך אויס פארשידענע ארבעטען וויא טייפרייטינג שארט העגד און אנדערע אפיס ארבעטען, אזוי אז דערנאך פאלט איהר שוין נישט איין אנדערש וויא צו גיין ארבעטען וואו זיא ווערט אינגאנצען פארדארבען (ע׳ פ״ה אות ט־י). פארוואס איז נישט גענוג פאר א מיידעל צו לערנען ענגליש 8 קלאסען ? דאס לערנען דיא אלע גויאישע זאכען פון הייא־סקול און אויך די אלע אפיס־ארבעטען איז א געוואלדיגע עוולה, מען שטעלט איהר אריין אין א געוואלדיגען נסיון, און ליידער איז זייער ווייניג דא וואס קענען דאס באשטיין נישט פארפירט צו ווערען פון גיין ארבעטען אין אפיסעס אדער אין אזעלעכע פעקטאריס וואו עס איז נישט גוט. אז עס איז דא עלטערען וואס ווילען אז מען זאל דאס אלעס לערנען, זאלען זיי אליין זיך זארגען וויא אזוי איהר דאס צו לערנען, אבער חלילה נישט איבערפירען לכבוד דעם אלע מיידלעך אין העגט פון סטרא אחרא רח״ל.

יב) מען שיקט די מיידלעך אין די לייברעריס כדי זיך אנצוזאפען מיט אלע אפיקורסישע און עקלדיגע ביכער וואס זיא האט נישט אין סקול, וואס עס איז איבריג יעדעס ווארט פארצושטעלען וואס פאר א גיפט עס שטעקט אין דעם, אויך זענען די לייברעריס פול מיט תערובות פון מענער גוים און שיקסעס, און קיין גרויסער ירא״ש טוט מען נישט שעפען דארט.

יג) מען נעמט די מיידליך אויף טריפס, פלעיס און אנדערע אונטערהאלטונגען, און כמה פעמים וואס מען לאזט די מיידליך אליין אוועקפארען אן א השגחה, און בפרט איז דאס שכיח אין די קעמפס.

יד) נאך די אלע זאכען איז שוין נישט קיין חידוש פארוואס מען פארשטייט נישט וויא אזוי דאס איז אז נאך די אלע כוחות וואס מען לייגט אריין אין די קינדער, און צום סוף איז די השפעה פארקערט. אז מען טראכט אבער אריין אין די אלע זאכען און אין די אנדערע חסרונות וואס מיר האבען נישט דערמאנט, ווערט אלעס פארענטפערט.

טו) מען מיינט אז ביי מיידלעך איז דאך נישט דא קיין ביטול תורה במילא מעג מען שוין אלעס טאהן. דער אמת איז אבער פארקערט, טאקע ווייל זיי האבען נישט קיין תורה,

דארף מען נאך מער אכט לייגען זיי זאלען וואקסען ערליך אן די אלע נישט כשר'ע זאכען, זיי זאלען האבען די גייסטיגע כוחות זיך צו שטארקען געגען אלע ביטערע נסיונות, ווייל אלע איסורים פון די תורה זענען שייך ביי א פרוי נישט ווייניגער וויא ביי א מאן (קידושין כ"ט.).

טז) זאל מען זיך צוזאם נעמען אין איינעם און מיט אלע כוחות טאהן וואס מען קען צו פארעכטען די אלע פעלערען, וואס אין דעם חינוך פון די קינדער הענגט אפ דער קיום פון כלל ישראל, וועט ד' יתברך אונז העלפען מיט אלעם גוטען אמן.

## פרק יב

# קאנטריס, קעמפס

**עד מתי יהי' זה לנו למוקש** (שמות י')

א) אז עס קומט דער זומער למז"ט פארען די משפחות ארויס אין די קאנטריס, וואס באמת איז דאס א גרויסע טובה, וויא מיר האבען פריער געשריבען (פ"ו אות ב) אז דאס וואוינען אויסער די שטאט איז זייער א גרויסע זאך אין אלע הינזיכטען, אבער דאס איז ווען עס איז כדת וכהלכה וויא עס דארף צו זיין, אבער לוידער איז עס עפי"ר נישט אזוי, נאר גאר דאס פארקערטע, די קאנטריס און קעמפס זענען מערסטענס זייער נישט אין ארדענונג, און ליידער ווייל מען ווייסט דאס נישט אויסצוניצען צום גוטען ברענגט דאס מיט זיך זייער אסאך שלעכטע פאלגען. מיר ווילען דא נאר איינצעלנע זאכען אויסרעכענען.

ב) מען דינגט זיך אויס א באנגעלאו אויף פלעצער וואו די צייטווייליגע שכנים וואס מען באקומט זענען פון מער מאדערנע געגענטער, אזעלכע וואס א גאנץ יאר האט מען נישט מיט זיי קיין שייכות, און אויך וואו עס איז נישט דא קיין רב אדער א חשוב'ער מענטש, מען זאל זיך אודאי נישט האבען פון וועם ציא שעמען.

ג) די עול פון צניעות וויפיל מען פארמאגט שוין יא עכ"פ א גאנץ יאר טוט מען דאס אין די קאנטרי אראפווארפען פון זיך האלב אדער דרייפערטעל, איבערהויפט אז מען האט א געמישטע חברותא און עס איז דא פון וועם זיך צו לערנען.

ד) מען גייט שווימען אין סווימינג פולס וואס די מחיצה איז ביי א גרויס טייל פלעצער נישט הלכה'דיג, און אפילו אויב יא איז אויך נישט קיין באשיידענקייט פאר א אידישע טאכטער זיך צו באדען אונטערען הימעל. די גמ' ברענגט ביי קמחית (יומא מ"ז.) אז זי האט זוכה געווען צו 7 קינדער כהנים גדולים ווייל זי האט אכט געגעבען זיך נישט אפצודעקען איהר קאפ אפילו אינדערהיים ווען קיינער זעהט נישט, איבערהויפט אויף א אפענעם פלאץ.

ה) אויך האבען די אידענעס אין קאנטרי מער צייט ניצט מען דאס אויס, מען קומט זיך צוזאם און מען רעדט אלע לשון הרע'ס ליצנות רכילות ניבול פה אד"ג. אויך זעצט מען זיך אוועק אויף ערטער וואו מענער דרייען זיך און מיט זייער נישט קיין צניעות'דיגע טראגע, און עס איז דא פרויען וואס נעמען זיך א זוהן באד, שוין אפגערעדט פון די וואס גייען סתם אזוי ארום אן א שטרימף רח"ל, און ביי די אלע זאכען איז מען מכשיל די מענער מיטען זעהן וואס מען טאר נישט.

ו) די פרייע צייט ווערט אויך אויסגעניצט אויף צו הערען ראדיא און ליינען צייטונגען און ביכער, וואס אפילו א כשר'ע אידענע וואס האט דאס נישט א גאנץ יאר ווערט זי דערצו צוגעוואוינט אין די קאנטרי, בפרט אז זי האט נאך דארט געטרייע שכנים וואס זענען איהר דערמיט מזכה איז דאך גאר גוט, די אלע ליין מאטריאל פארדארבען מער וויא אלעס (ע' פ"ג אות ב).

ז) עס פארען מענער און פרויען אויף טריפס, שאוס, ־עיסעס, שיפלעך, און נאך אזעלכע טייערע פארגעניגענס וואס די געטרייע שליחים פון יצר הרע האבען אלץ אויסגעטראפען.

ח) די מענער וואס וואלטען געדארפט אויסצונוצען זייער וואקעישען צייט אויף לערנען תורה, וויא אויך זונטאגס כו', און בעוה"ר ווערט דאס ליידער פארנוצט אויף פארערייען באזוכערייען און אנדערע פארוויילונגען, און אסאך מאל מיט א גרויס תערובות, און אויך שפילען זיי מיט אלע שפילערייען וואס פאסט פאר'ן גוי'ס קינדער, און כ"פ מיט פרויען צוזאם רח"ל, וואס דאס איז א שרעקליכער חילול ד' אז אזעלכעס זאל קענען פארקומען ביי אונזערע היימישע אינגעלייט (דאס זענען נישט קיין גוזמאות, עס איז פאקטיש איבערגעוויזען געווארען). מען ווערט אין די קאנטרי ממש הפקר וויא מען וואלט דעם רבוש"ע איבערגעלאזט אין שטאט אויף זומער.

ט) עס טוט וויי דאס הארץ הערענדיג אינגעלייט זאגען אז זיי ווארטען שוין אז דער וואקעישען זאל אדורך גיין ווייל זיי ווערען משוגע פון ליידיג־גיין, געוואלד! וואו איז די גמרא, דער שלחן ערוך, א מוסר ספר, תהלים זאגען, מבקר חולה זיין, און נאך אסאך אנדערע מצות? מען פארגעסט זיך פון דעם עיקר (מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה — שבת לג:, אין לו להקב"ה בעולמו אלא אוצר של יראת שמים בלבד — ברכות ל"ג:). פארוואס זאל נישט איינפאלען פאר א יונגערמאן אויסצוניצען די צייט פון וואקעישען זיך צוצוגרייטען צו די הייליגע טעג און זיך מאכען א חשבון הנפש וואו מען האלט? בפרט אויסער די שטאט וואס איז מער מסוגל אויף דעם מיט תשובה און מעשים טובים.

י) אין איסור יחוד ווערט מען זייער גרינג נכשל, וואס אין קאנטרי איז דאך נאך אסאך הארבער פארענדיג אליין מיט א טעקסי וכו', און ווען מען מוז פארען דארף מען אנפרעגען ביי א מורה הוראה, ווייל איסור יחוד איז אין פיל פאלען א איסור דאורייתא. און אזוי איז דא נאך אסאך זאכען וואס עס איז אוממעגליך אלעס פינקטליך אויסצורעכענען.

יא) אויך ביי א טייל קעמפס איז דא די אלע דערמאנטע זאכען, די אינגלעך איז מען מבטל פון לערנען, עס איז איינגעפירט אלע סארט שפילען וויא להבדיל ביי די גוים, וואס יעדען יאר ווערען ערפינדען פרישע שפעקולאציעס מיט וואס די קינדער צו פארשפילען.

בחורים (און כש"כ קינדער) לאזט מען שווימען יעדן טאג וואס ליידער ברענגט דאס נישט צו קיין יראת שמים און קדושה וד"ל, און אזוי אויך באל און אנדערע שפילען רח"ל.

דאס הפקירות איז אין די קעמפס שרעקליך גרויס, בחורים קענען בחברותא זיך אונטערהאלטען ביז גאר שפעט ביינאכט מיט מוזיק און ניבול פה און ליינען כל דבר אסור, מיט רייכערן ציגארעטלעך און רעדען ליצנות וכו'. און נאך פיל ארגער. ליידער איז די קאנטראל זייער א שוואכע, און וויפיל בחורים וואס ווערען פארשוואונדען אויף

גאנצע שעה'ן און קיינער ווייס נישט וואו און ווען, און דאס אלעס ווערט אנגענומען גלייכגילטיק, וויא בחורים וואלטען געמעגט טאהן וואס זיי ווילען נאר, און אז מען פראבירט צו טאהן דערגעגען, ווערט א מחלוקת ווייל דאס עזות איז אזוי גרויס היינט בעוה"ר אז עס איז פשוט נישט צו באגרייפען מיטען מענטשליכען שכל (ע' פ"ט אות ב־ג).

יב) דאס זעלבע איז אויך ביי די מיידלעך קעמפס, דאס שווימען איז זייער ווייט פון צניעות (ע' אות ד'), און אויך פארט מען אויף טריפס און אסאך אנדערע שפילן (פלעיס), און אויך פארשידענע פראגראמען ווערט געמאכט פאר זיי, וואס איז גראד פון די גוים גענומען, און דאס אלעס איז אין די גאר היימישע קעמפס, וואס עס איז פשוט לעכערליך וויא דערוואקסענע פרויען קענען זיך נאריש מאכען מיט אזעלעכע שפילען פאר מיידליך וואס מיר ווילען זיי נישט אויסרעכענען, די אלע זאכען זענען זייער ווייט פון א ערליכען כשר'ען חינוך אינהאלט.

יג) ווער רעדט פון די אנדערע קעמפס וואס ווערט געפירט דורך פשוט'ע בעלי בתים, וואס צוליב געלט אדער כבוד האט ער א קעמפ אויפגעמאכט צו מאכען ביזנעס מיט אידישע נפשות, פון די סארט קעמפס איז נישט כדאי אפילו צו רעדען, די קינדער גייען דארט ממש צוגרונט, אלעס איז דארט בחזקת טריפה, עס איז אלעס הפקר אן די מינדעסטע אחריות, די וואס שיקען די קינדער אין די סארט פריוואטע קעמפס, נישט קיין חילוק יונגלעך צו מיידלעך, ווארפט ער דערמיט אריין די קינדער מיט די אייגענע הענט אין שאול תחתית רח"ל, וואס דאס קען מען א גאנץ יאר מער נישט פארעכטען.

יד) עס איז א חוב גמור אויף א יעדען איד מזרע איוי"ע וואס האט די תורה מקבל געווען אויפן בארג סיני מוחה צו זיין אויף א יעדע זאך וואס ער באמערקט ביי א אנדערען שלא כהוגן (און כש"כ ביי זיך), דאס איז סיי זומער, און אזוי אויך א גאנץ יאר (ע' פלא יועץ מער' תוכחה) בפרט האט יעדער איינער א געוויסע קרייז באקאנטע און קרובים וואס טוען געוויסע פעלערס נאר צוליב אומוויסענהייט וואס זיי באמערקען אליין נישט אז זיי טוען א פעלער, און מיט ווייכע רייד קען מען אסאך אויפטוהן און מתקן זיין בע"ה. די מצוה הוכח תוכיח את עמיתך (ויקרא י"ט י"ז) איז פאר יעדען איד געזאגט געווארען פונקט וויא אלע אנדערע מצות, און נישט דוקא פאר א רב און שיינע אידען. אדרבא עס איז פארהאנדען פיל זאכען וואס יחידים און פשוט'ע מענטשען זענען מער בכח אויפצוטאהן וויא א רב, אידען האבען א אחריות איינער אויפן צווייטען (שבועות ל"ט סוע"א), און אז מען קען זאגען און מען זאגט נישט איז גליך וויא ער וואלט דערויף אליין עובר געווען (שבת נ"ד:) און מען איז פשוט א שופך דם, מען טאר נישט שטיין גלייכגילטיג און רוהיג צוזעהן וויא אלע פרצות און קלקולים און כל דבר אסור ווערט איינגעפירט ביי אונזער גאר היימישען עולם אויף א שרעקליכען פארעם, וואס מען טוט זיך דערצו אזוי צוגעוואוינען ביז עס דאכט זיך אז עס איז אלעס מותר, (כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר — מו"ק כ"ז:), וואס דער מצב ווערט ליידער אלץ ארגער און ערגסטער ד' ירחם במהרה.

## פרק יג

# א התעוררות־רוף צו די רבנים

### עד מתי לא תאמר לעם לשוב (שמואל ב׳ ב׳ כ״ו)

א) א דרינגענדער רוף צו די אמת׳ע גדולים ורבנים, רביים וצדיקים שליט״א מנהיגי ישראל וקברניטא דספינה המטורפת בלב ים הגדול של פריצות ועזות, וואו זענט איהר ? פארוואס עפענט איהר נישט ענדליך אויף די אויגען צו זעהן אז בעוה״ר ברענט א גרויס פייער וואס וויל ח״ו אלעס פארברענען, מיר האלטען דאך שוין ביי א געפערליכען קאטאסטראפאלישען און מורא׳דיגען מצב, און אויב מען זאל דאס ווייטער אזוי לאזען און מען וועט דערצו גארנישט טאהן, איז מען עלול ח״ו צו פארשפילען דאס לעצטע ביסעל אידען וואס איז אונז איבערגעבליבען ערליך נאמנים לד׳ ולתורתו הק׳.

ב) בעוה״ר זענען מיר געבליבען ווייניג, נאכען גרויסען חורבן פון די אוישוויצער שריפה, רוב בנין ומנין פון כלל ישראל זענען אומגעקומען אויף קידוש ד׳ הי״ד, און די ביסעל וואס זענען געראטעוועט געווארען פון צווישען די אלע טויזענטער שיינע און גרויסע קהילות האבען אוועקגעוואנדערט, א חלק חשוב דאהי קיין ברוקלין און אין די אומגעגענד, און די דאזיגע געפלאגטע און איבערגעבליבענע יתומים ויתומות האבען חתונה געהאט און זיי האבען זיך צוביסלעך געגומען צוריק אויפשטעלען די חרוב געווארענע היים מיט די מוסדות התורה וואס עס איז כמעט נישט געווען פון פריער, אויפן דרך המקובל מרבותינו נבג״מ.

יעצט פרעגען מיר, געוואלד ! צו מעג מען טאקע לאזען חלילה אז דאס ביסעל כח התורה וואס איז געבליבען זאל ח״ו אויך אויפהערען ? היינט וואס דער גאנצער כלל ישראל באשטייט נאר פון די ביסעל איבערגעבליבענע יתומים איז א פשוט׳ע זאך אז רובא דרובא ווייסען נישט דעם ריכטיגען וועג, און וויא אזוי דער אמת׳ער אידישער וועג האט אויסגעזעהן אינדערהיים, ווי אזוי א אידישע שטוב דארף אויסצוקוקען, וויא אזוי מען ערציהט די קינדער צו בלייבען געטריי צום אויבערשטען א גאנץ לעבען, וויא אזוי מען דארף זיך דערווייטערען פון די גויאישע דרכים מיט אלע זייערע שמוץ, וויא אזוי עס ברויך צו זיין דאס צניעות ביי א אידישע טאכטער, וויא אזוי זיך צו קענען מחזק זיין קעגען אלע שווערע און ביטערע נסיונות וכדומה.

אידישע קינדער זענען א הייליק פאלק, זיי ווילען גוט זיין און נאר טאהן דעם רצון ד׳, נאר דאס חשכת הגלות מיט אלע צרות זענען גורם אז נישט ווילענדיג טוט מען פארשידענס וואס טויג נישט (שאור שבעיסה ושעבוד מלכיות — ברכות י״ז:), און אליין קען מען דאס נישט באמערקען, וויא די משנה זאגט(כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו ונגעי קרוביו — נגעים פ״ב ה״ה), אבער אז די גדולים וואלטען כסדר מעורר געווען אויף אלע זאכען וואס מען טוט נישט גוט, וואלט מען אודאי אלעס מתקן געווען.

ג) מיט דעם וואס די רבנים שווייגען און האלטען זיך איין פון זאגען כסדר דברי תוכחה, זענען זיי אין כלל פון המחטיא את האדם יותר מההורגו(במ״ר כ״א ד׳), ווייל אפילו די רבנים זענען ח״ו נישט מחטיא קיינעם בפועל ממש, פונדעסטוועגען זענען זיי חייב באחריות אין א גרויסער טייל עבירות פון אידען וואס זיי האבען געקענט דערויף מוחה זיין, וויא די גמ׳ ברענגט ביי ראב״ע (שבת נ״ד:). נאך זאגט די גמ׳ דארט אז דער וואס קען אויפטאהן ביי אנדערע און טוט נישט, איז גליך וויא ער וואלט דאס אליין געטאהן, און

אפילו עס איז ביי טייל זאכען א ספק צו מען וועט זיי פאלגען איז מען דאך מחויב צו זאגען כסדר (או"ח תר"ח סעי' ב' ואחרונים, וע' מהר"ם שיק או"ח ש"ג), וויא דער מדת הדין האט געטענה'ט רבוש"ע אויב דיר איז באוואוסט אז אידען זענען נישט מקבל אבער ווער האט דאס מגלה געווען פאר די חכמים (שבת נ"ה. וע"ש במאירי), און דער אמת איז אז עס ווירקט יא אויב עס איז יוצאים מן הלב, און אויב נישט מיט איינמאל העלפט דאס נאך אפאר מאל מעורר זיין, אויב נישט אינגאנצען איז טיילווייז, אז נישט ביי אלע איז ביי א חלק מענטשען, אבער דאס איז כמעט אויסגעשלאסען אז צווישען א עדה ערליכע אידען זאל זיך נישט פארוואָרפען ווער עס איז יא גרייט צו הערען און פאלגען, חס להזכיר אז מיר האלטען אין אזא מצב וואס מען הארכט נישט אמתע דיבורים פון גדולי ישראל, אידען זענען אלץ גרייט צו טאהן, מען דארף נאר כסדר וועקען און דערמאנען וואס עס איז דא צו טאהן. און עכ"פ אפי' נאר פאר 3 מענטשען איז דאס שוין אויך א רבים לויט די פוסקים (ע' או"ח תכ"ב סעי' ב' ברמ"א וע"ש בכף החיים סק"מ), און אפילו נאר איין איד צו ראטעווען איז וויא מען וואלט א וועלט דערהאלטען (סנה' ל"ז.), אויך זאגען די חז"ל (שבת קי"ט:) אז ירושלים איז חרוב געווארען ווייל מען האט נישט קיין מוסר געזאגט איינער פארען צווייטען. וואס זאלען מיר שוין זאגען וואס עס פעלט היינט פיל מער אויס דברי חיזוק און ליידער ווערט געזאגט זייער ווייניג, אזוי אז אפילו די ערליכע אידען וואס זענען באמת משתוקק צו הערען עפעס, האבען אויך נישט די זכי', איז מען דאך ח"ו מיט דעם מעכב די גאולה.

ד) אויך איז ידוע אז ווען די גדולים זאגען מוסר, איז דאס ממתיק די דינים און גורם פאר אידישע קינדער השפעות טובות ורחמים וחסדים גדולים, וואס דאס איז זייער וויכטיג בפרט אין היינטיגע שווערע צייטען.

פרק יד

# המשך

**עד מתי אתה משפיל עצמך אין השעה מצפה אלא לך** (ויק"ר א' ה')

**עד מתי אתם מניחין כבודו של מקום ואתם עוסקין בכבוד הבריות** (קידושין ל"ב:)

א) עס איז א גרויס וואונדער, די זעלבע פאר ערליכע רבנים פון היינט (ד' יאריך ימיהם ושנותיהם בנעימים עמו"ש) האבען דאך נאך געפירט פארען קריג שיינע קהילות אינדערהיים על טהרת הקודש, אין די גוטע צייטען ווען דאס אידישקייט האט נאך ב"ה געבליהט לשם ולתפארת, און זיי האבען משפיע געווען טהרה בישראל, מרביץ געווען תורה און יראת שמים פאר א עדה אידען, מתקן געווען תקנות און נישט צוגעלאזט פורץ גדר זיין, געזעהן עס זאל נישט פארקומען קיין שום מכשול בעניני הדת, מוסר געזאגט און מעורר געווען אויף יעדע זאך וואס עס האט געדארפט א תיקון כו', במילא איז געווען תורה און קדושה איבעראל און אלעס האט זיך געפיהרט געהעריג. און וואס איז עפעס יעצט געשעהן פארוואס דאס אלעס האט אויפגעהערט ? איז טאקע היינט איכשר דרי ? זענען טאקע אין אמעריקע מותר געווארען אלע תועבות לבא בקהל ?

ב) די זעלבע טענות וואס דער מחבר פון עד מתי (ע' סוף הקו') שרייט געוואלד נאך פאר איבער 50 יאר צוריק צו די דעמאלסדיגע רבנים איז דאס שוין בעוה"ר מקוים געווארען אויך ביי אונזערע אייראפעישע רבנים. מיר באמערקען נישט אז מיר זענען

געוואָרען גרויסע יורדים. בחיצוניות זעהט אפשר היינט אויס פיהל שענער וויא מיט א דור צוריק, אבער דאס פנימיות איז ליידער אסאך שוואכער, פאַרוואס טוען די רבנים אלעס גלייכגילטיק פארשווייגען, וויא דאס וואלט זיי בכלל נישט באַרירט.

אמת אז געהויבענע אידען בני עלי׳ מדקדקים בקלה כבחמורה וואס האבען זיך מוסר נפש געווען אויף א קוצו של יו״ד איז אויך אין פריערדיגע דורות געווען ווייניג (סנה׳ מ :), אבער היינט איז דא ווייניג אידען וואס פיהרען זיך אויף אפילו אזוי וויא א פשוט׳ער איד האט זיך אמאל אויפגעפיהרט. מיר האלטען אזוי נידריג אז עס קומט פאר ממש מעשה ארץ מצרים און פארשידענע מורא׳דיגע זאכען, עס קען פארקומען אין היימישע פלעצער פריצות׳דיגע גויאישע קאנצערטען, וואו מען זיצט מיט א שרעקליכע תערובות, און די מופקרים וואס פירען דאס אן טאנצען מיט מיידליך רח״ל, און היימישע שטריימעל-יונגעלייט און פרומע אידענעס גייען אהין וויא גארנישט וואלט געווען, און קיין שום מחאה ווערט נישט געהערט, און נאך פארשידענע גרויסע פרצות ומכשולות נוראות. יעדען טאג קומען צו פרישע מורא׳דיגע מעשיות ביי גאר היימישע משפחות וואס איז ראוי דערויף זיך קריעה צו רייסען, עס איז ממש תסמר שערות הראש. נאר עס איז נישט במציאות צו באַרירען אלע זאכען. דער עיקר איז אז די פארשידענע ענינים ווערען אנגענומען גרינג, וויא דאס וואלט אלעס געווען א נאטירליכע זאך, א דבר פשוט להיתרא. עס אינטערסירט נישט קיינעם אריינצוטראכטען און צו טאהן פעולות דאס מתקן צו זיין. במילא איז נישט קיין וואונדער אז יעדער קען טאהן וואס ער וויל, און וויא אזוי זיין הארץ טוט גלוסטען, אלעס איז ממש הפקר, ד׳ ישמרנו ויצילנו.

*ב) צו האבען אונזערע אמאליגע רבנים און צדיקים זי״ע אויך אלעס פארשוויגען און געלאזט דעם כלל ישראל להפקר ולמרמס פארען שגעון פון יעדען אויסוואורף וואס וויל אונטערגראבען אונזער איבערגעבליבענעם פעסטונג. הלעולם יזנח ד׳ ?

ווילאנג ווען די רבנים פארמאכען דאס מויל פון צו לאזען הערען דעם דבר ד׳ ? פון וועם האט מען דאס אזוי מורא ? פארוואס איז דער פחד און יראת ד׳ נישט אזוי שטארק וויא דער מורא פון א בשר ודם ? די גמ׳ זאגט (חגיגה טז.) אז ווען איינער איז נישט חס אויפן אויבערשטענס כבוד איז בעסער אז ער וואלט בכלל נישט באשאפען געווארען. עס האט נאך ב״ה פאר קיין שום רב ועסקן וואס טוען לש״ש נישט געשאדט דאס אננעמען זיך פארען אויבערשטענס נאמען, לגופו לממונו לתורתו (ע׳ ישמח משה חיי שרה ד״ה בשיבה בשם ירו׳ שבצרכי ציבור לא שייך כלל ביטול תורה והוא חשוב כמו לימוד). אדרבה ישראל נתבעים ונותנים (שמו״ר פ״א ה״ח), אידען זענען גערען מקבל מוסר און דברי תוכחה וואס ווערען ערענסט געזאגט, די ערליכע אידען זענען באמת משתוקק צו הערען גוטע דיבורים וואס ווערט אזוי ווייניג געזאגט.

ג) אינדערהיים פלעגט א רב רעדען און דרש׳ענען אין זיין קהילה אנאויפהערליך און ביי יעדע געלעגענהייט מעורר געווען, און חוץ דעם פלעגט זיין מגידים וואס פלעגען ארומפארען זאגען דרשות, כש״כ היינט פעלט דאס אויס פילפאכיג מער. די בעה״ב האבען א טענה אז וויבאלד די רבנים שווייגען, איז א סימן אז עס איז גוט אזוי (גיטין נ״ו.), און מיט דעם וואס זיי לאזען צו אלע הפקירות איז א סימן אז עס איז נישט אזוי געפערליך (התירו פרושים את הדבר, סנה׳ פ״ב: וע׳ ערכין ט״ז: תוד״ה ענוה).

ד) די בעה״ב זענען שוגגים אבער די רבנים זענען דאך מזידים, ווייל ווען זיי וואלטען כסדר געזאגט און טאקע געטאהן מעשים בפועל וואלט אידישקייט היינט גאר א אנדער פנים געהאט, און מיר וואלטען נישט צוגעקומען צו אזא שרעקליכען מצב ביי

וואס מיר שטייען היינט, והא ראי׳ דאס ביסעל וואס איז נאך יא געבליבען בע״ה איז אויך נאר צו פארדאנקען דאס מסירת נפש פון די פאר ערליכע רבנים און כלל טוערס וואס זאגען און טוען כסדר, און האבען סייעתא דשמיא, דאס זענען די שרידי ד׳ אשר ד׳ אליהם קורא וואס האבען זיך נישט פארקויפט צום עגל הזהב פאר פוסטע כבוד און געלט. ולא עלתה על דעתם די אלע חשבונות אז עס קען זיי חלילה עפעס שאדען צו זייערע פריוואטע אינטערעסען.

ה) אונזער פליכט איז צו טאהן און נישט אויפצוטאהן במילא אפילו עס ווירקט נישט דארף מען טאהן, און באמת איז א טעות צו זאגען אז עס ווירקט נישט, ווייל אז מען זאגט ווירקט דאס, אמת׳ע דיבורים פון א ריין הארץ טוט אלץ אויף, פון נישט טאהן און זאגען איז נאך אודאי קיין שום כבוד שמים נישט ארויסגעקומען קיינמאל.

ו) עס איז זייער נויטיג און עס וואלט בע״ה געווען א געוואלדיגע הצלה ווען די ערליכע רבנים גדולים וצדיקים — וואס איז אונז געבליבען לפליטה — זאלען גרינדען א ארגאניזאציע פון רבנים און עסקנים וואס זאלען זיך אפגעבען מיט אלע אידישקייט ענינים, אבער פארשטענדליך נאר אזעלעכע וואס וועלען ארבעטען געטריי לשם שמים מיט די איינציגע כוונה מתקן צו זיין אלע קלקולים און אויפטאהן פאר כבוד שמים, און נישט האבען דערביי זייטיגע אינטערעסען פון געלט אדער כבוד, וואס דאס איז גורם אז עס קומט ארויס דאס פארקערטע. און הגם עס איז נישט דא די אמאליגע כוחות צו קענען מעניש זיין פאר די מהרסים און די עוברים על הדת, אבער דעם כח הדיבור האט דאך ב״ה קיינער נישט צוגענומען, דער עיקר איז מיר זאלען זיך צוזאם נעמען און שרייען און בעטען בדברים החוצבים להבות אש, מעורר זיין לתשובה און צו פארבעסערען אלע מעשים רעים, און בזכות זה זאגט די גמרא (תמיד כ״ח.) איז מען זוכה צו אידיש נחת און צו אלעם גוטען מיט ברכות וישועות אכי״ר.

פרק טו

## א חזרה בקיצור אויפן קונטרס

### עד מתי עצל תשכב מתי תקום משנתיך (משלי ו׳ ט׳)

א) לאמיר מאכען א סך הכל בקיצור. ווי אזוי זעהט אויס דער צניעות ביי אונז אין שטוב, איז דאס טאקע אזוי וויא מיר האבען דאס בירושה פון אונזערע אמהות הצדקניות דור אחר דוד ? וואו איז די קדושה וטהרה וואס איז געווען אמאל צודערקענען אין יעדען ווינקעל ? צו קומען נישט פאר קיין תערובות פרויען מיט מענער ביי חתונות און אנדערע שמחות, ביי די באסעס דזאבס אד״ג ? וואו איז אונזער מסירת נפש אין אלע אידישקייט ענינים נישט נתפעל צו ווערען פון די נסיונות ופגעי הזמן ? וואו איז דער ערליכער אידישער חינוך על דרך ישראל סבא, וויא מיר האבען דאס מקבל געווען אינדערהיים ? וויא אזוי זעהט אויס דאס אפגעהיטענקייט אין כשרות, אינדערהיים אויף שמחות אין מוסדות קאנטרי׳ס רעסטעראנטס אד״ג ? וואו זענען די מדות טובות ביישנים רחמנים און גומלי חסדים מיט וואס אידען האבען זיך אלץ אויסגעצייכענט אלס זרע האבות הק׳ ? וואו איז די כשר׳ע הייליגע אידישע שטוב, צו דערקענט זיך טאקע דער ואבדיל אתכם מן העמים, איז נישט דא דארט קיין ראדיא, ביכער, צייטונגען, מאגאזינען און אלע גויאישע שמוץ וואס די אלע זאכען מאכען חרוב די אידישע היים ? וויא זעט אויס זומער אין די

קאנטריס און קעמפס, איז די חברותא גוט, ווערען מיר אדער די קינדער נישט איבערגעפירט דארט, ברענגט מען נישט אן די צייט אויף דברים אסורים ? זענען מיר נזהר אין איסור יחוד ביי אלע ענינים ? גיבען מיר אכט נישט צו מופען אין א שוואכערע געגענט וואס שאדט צום חינוך און אידישקייט ? דאס זעלבע טוען מיר וואס מעגליך נישט צו מופען אין א פראדזעקט וואס איז א גרויסער אומגליק ? האבען מיר צייט זיך אפצוגעבען מיט די קינדער און איינפלאנצען אין זיי תורה און יר"ש מדות טובות, און זיי אויפהאדעווען אויפן ערליכען כשר'ן וועג ? געבען מיר די מיידלעך אריין אין א 100 פראצענט ערליכען מוסד וואו עס איז דא ערליכע מחנכים, און וואס דער יסוד איז געשטעלט אויף יראת שמים צניעות און מדות טובות און וואו עס איז נישט דא אלע גויאישע זאכען, און וויא די מיידליך ווערען נישט געהאדעוועט צו גיין ארבעטען ? און צו לאזען מיר נישט אונזערע מיידליך גיין ארבעטען אויף אזא פלאץ וואו מען ווערט בע"כ מאדערניזירט און מקולקל אינגאנצען בפרט ביי די אפיסעס ? מאכען מיר יונג חתונה די קינדער ? צו לאזען מיר נישט די אידענע און מיידליך דרייען אויף די גאס אן א צוועק בפרט שבת. האבען די נשים די אידישע באשיידענקייט, צו זענען זיי מקיים דעם כל כבודה בת מלך פנימה, און גייען זיי נישט שאפינג כסדר וואס איז נישט צניעות'דיג און וואו זיי ווערען געפערליך רואינירט, און וואס איז א געלט אויסברענגעריי ? צו ארבעט נישט די מאמע און קען זיך צוליב דעם נישט אפגעבען מיטען ערציאונג פון די קינדער, בפרט אויף א פלאץ וואס שאדט צו אידישקייט ? און וויא אזוי זעהט אויס ביי די ארבעט פון די מענער, צו ארבעט מען נישט בתערובות מיט פרויען אין איין שטוב און כש"כ ביי איין טיש, איז נישט די חברותא א שלעכטע, הערט ער ניט און רעדט נישט דורכען ארבעטס טאג אלע ליצנות דברים בטלים און נאך ערגערס ? ארבעט ער ניט אויף א פלאץ וואס קען שאדען צו אידישקייט, ארבעט מען נאר וויפיל עס איז וויכטיג צו די פרנסה ? גיט מען אכט נישט צו מוזען פארען בתערובות מיט טרעינס און באסעס בפרט אין ראוש האורס ? וואו איז דער קול תורה אין די בתי מדרשים וואס דארף זיך הערען טאג און נאכט אן אויפהערליך ? כאפען מיר נישט אף דאס גאנצע דאווענען און שמועסען ביים גאנצען דאווענען ? לייגען מיר נישט א טלית אדער תפילין וואס איז דא דערויף א חשש פסול ? טראגען מיר נישט קיין שעטנז ? לויפען מיר נישט נאך אלע פריצות'דיגע מאדעס, און נאך אלע מיני לוקסוס און טייערע זאכען וואס צוברעכט די גאנצע משפחה מיטען מוזען ארבעטען כסדר נאכצוקומען אלע תאוות און קענען שווענדען געלט אויף הבל וריק ? דעסטגלייכען די ריזיגע חתונה־הוצאות אויף איבריגע זאכען ? קעמפען מיר געגוג קעגען די פארשאלטענע ציונים וואס מאכען חרוב גאנץ ארץ ישראל ברוחניות און בגשמיות און זייער טמא'נע נעץ איז אויסגעשפרייט אויף די גאנצע וועלט ? און זענען מיר געווארענט זיי זאלען נישט חרוב מאכען אונזערע מוסדות ח"ו ? מאכען מיר אמאל א חשבון הנפש וואו מיר האלטען אויף דעם עולם, און מיר וואס מיר ווילען אפגעבען דו"ח לעת"ל פאר הקב"ה ? זענען די רבנים מעורר און מוכיח אויף איעדע פרצה וואס קומט ארויס, טוען זיי אלעס וואס מעגליך בדיבור ובמעשה מתקן צו זיין אלע קלקולים ? און אזוי מיט אלע אנדערע ענינים וואס מיר האבען נישט דערמאנט.

ב) לאמיר זיך עכ"פ יעצט בארעכענען, און אויף אונז מקבל זיין אז מה דאזל אזל מכאן ואילך חושבנא (ויק"ר ל' ז'), פון היינט און ווייטער ווילען מיר פראבירען פארעכטען אלע אונזערע פעלערס, און אויך זיך משתדל זיין אויפצוטאהן ביי אנדערע מיט אלע אונזערע מעגליכקייטען אויף אלע אופנים, און לאמיר זיך אננעמען פארען כבוד פון הקב"ה וואס איז מושפלת עד שאול תחתי' בעוה"ר.

## פרק טז

## סיום לטובה

**עד מתי אתה לא תרחם** (זכרי׳ א׳ י״ב), **ואתה ד׳ עד מתי** (תהלים ו׳)

מיר בעטען און האפען אז עס זאל שוין נתעורר ווערען דאס גרויסע רחמנות פון ד׳ יתברך אויף דעם שארית הפליטה פון כנסת ישרא׳, וואס האט שוין בעוה״ר אזויפיל דורכגעמאכט צרות און לידען מיט אלע מיני פלאג בגוף ובנפש במשך די טויזענטער יארען גלות, און אויך גזירות רעות השמדות והריגות און רדיפות צווישען די אלע גוים רשעים מנוולים ורוצחים, און אויך די שכינה הק׳ איז דאך מיט אונז אין גלות (מגילה כ״ט.) וואס לידט און קרעכצט מיט מיט אלע צרות ישראל. זאל שוין נעמען א עק צו די אלע צרות, און צום אידיש בלוט וואס ווערט פארגאסען, ושבתי בשלו׳ אל בית אבי, ביתי יבנה בה. עס זאל שוין נתרומם ווערען קרן התורה וישראל, און מיר זאלען שוין אלע אינאיינעם זוכה זיין צו זעהן בקרוב בישועתן ובשמחתן של ישראל מתוך נחת והרחבה ומלכינו בראשינו בביאת גואל צדק במהרה בימינו אכי״ר.

# קונטרס „עד מתי״

## הקדמה מהמוציא לאור

די בייגעלייגטע ארטיקעל „עד מתי״ איז געדרוקט געווארען פאר 50 יאר צוריק אין א בלאט וואס איז ערשינען אין ניו יארק כדי צו קעמפען פאר חיזוק הדת און איז געווען געציהלט ציא דערוועקען דער ברייטען ציבור אויף „כשרות המאכלים״ וואס איז אין יענע צייט געווען זייער נאכגעלאזט. דער שרייבער גיט ארויס א קליינעם טייל פון די פארוויטאגטע פראבלעמען פון דעם דעמאלסדיגען שווערען צושטאנד אין אמעריקע, אבער לידער איז נאך רוב פראבלעמען געבליבען בקולמוס לבו, וואס ער האט צוליב געוויסע סיבות נישט געקענט דערמיט עפענטליך ארויסקומען.

אזוי וויא אין דעם היינטיגען מצב, וואס עס איז ממש איום ונורא וויא מיר זעהן אויס, בעוה״ר און וואס מיר גייען כסדר דורך פארשידענע גרויסע און שווערע נסיונות ברוחניות און בגשמיות, איז דער דערמאנטער ארטיקעל שטארק אקטועל און אונז שטארק נוגע, און הגם געוויסע זאכען זענען שייך היינט אויף א אנדערען אופן, איז אבער די מערהייט דערפון נישט פארענדערט געווארען, ועל כן האבען מיר איינגעזעהן דאס איבערצודרוקען און צושטעלען צום קו׳ נחפשה דרכינו, כדי דערמיט מזכה זיין דעם רבים.

* * *

דער מחבר פון דעם ארטיקעל „עד מתי״ איז געווען הגאון הצדיק, חסיד ועניו, גדול מרבן שמו, מוהר״ר שרגא פייוויל מענדלאוויטש זצ״ל.

יונגערהייט האט ער געלערענט ביי די גאונים הק׳ פון פרעשבורג, אונסדורף, און ביים ערוגות הבשם, פון וועם ער האט באקומען סמיכה, און אויך האט דער ערג״ה עם

געגעבען זיין ספר אויף מקואות מגי' צו זיין פארען דרוקען, ער איז דאמאלס אלט געווען ס"ה 18 יאר.

נאך די ערשטע וועלט־קריג איז ער געקומען קיין אמעריקע. און צוזעענדיג דאס גרויסע וויסטעניש אין אלע אידישקייט ענינים, האט ער באלד געגרינדעט א גרויסע ישיבה (די ערשטע) צו לערנען תורה מיט אמעריקאנער קינדער נאך די בר מצוה, און ער האט אויפגעשטעלט אסאך תלמידים אויפן דרך ישראל סבא.

נאך די שרעקליכע צווייטע קריג האט ער געשיקט שריפטען פאר רבנים און סתם אידען זיי צו ערמעגליכען ארויסצוקומען אויף אמעריקע. איין רב האט דערציילט אז באקומענדיג די שריפטען מיט געלט, האט ער צוריק געשריבען אז ער קען נישט פארלאזען זיין ישיבה. באלד דערויף איז אנגעקומען שריפטען מיט א באוויליגונג און אויך געלט פאר די גאנצע ישיבה.

פאר יעדען רב און ראש ישיבה וואס איז געקומען אויף אמעריקע, האט ער באלד געשיקט הילף, געלט און אויך תלמידים אז יענער זאל אליין קענען גרינדען א ישיבה. עס איז עם בכלל נישט געווען קיין חילוק זיין ישיבה אדער דעם צווייטענס, ווייל זיין גאנצע ווילען איז נאר געווען צו פארמערען כבוד שמים.

דער גרינדער פון בני ברק שרייבט אין זיינע זכרונות, אז די ערשטע געלט־שטיצע וואס ער האט באקומען פון אמעריקע פארן אויפבוי פון בני ברק, זענען געווען פון דעם גאון וצדיק רש"פ מענדלאוויץ ז"ל, און דאס איז באשטאנען פון .$3,000, וואס איז דאמאלס געווען א ריזיגע סומע, וואס ווערט היינט גערעכנט ויא .$50,000 און נאך מער.

עס איז קורץ דאס פאפיר צו קענען דערויף שרייבען אלע זיינע מעלות און שבחים, אין תורה אין מדות און אין חסידות. מיר ווילען נאר ציטירען אז דער רשכבה"ג מרן כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט געזאגט ביי די לוי' פון ר' שרגא פייוועל „די וועלט ווייסט נישט וואס זיי האבען פארלוירען" עכלה"ק. זי"ע ועכי"א.

**המוציא לאור קו' „נחפשה דרכינו"**

# קונטרס

# עד מתי

## א

ואמרתי לא אזכרנו ולא אדבר עוד בשמו והיה בלבי כאש בוערת עצר בעצמותי ונלאתי כלכל ולא אוכל. (ירמי' כ. ט)

איך באנוץ די אויבענגעבראכטע מאטא פון דעם נביא'ס רייד אלס הקדמה צו מיין ארטיקעל וועגען כשרות, ווייל איך ווייס אז מיין שרייבען וועט מיר דיעזען מאל קיין כבוד ניט ברענגען, אדרבה, איך וועל נאך אפשר באווארפען ווערען מיט זלזולים פון אלע זייטען, אבער וואס קען איך טאן, ווען עס ברענט אין מיר א פייער און נאך אין אזעלכע טויזענדע אידען ווי איך, א פייער, וועלכער לאזט זיך ניט מעהר דערשטיקען.

אייגענטליך איז די כשרות־פראגע שוין פארהאנדעלט געווארען אין דער אידישער פרעסע אין דער לעצטער צייט, אבער נור פון איין זייט, נעמליך, וועגען די חטאתים־בוטשערס וואס פארקויפען טריפות אהן א הכשר אדער מיט פאלשע הכשרים, די פרעסע האט אבער פארוויגען די צווייטע זייט פון דער פראגע, וועגען די טריפות, וואס ווערען פארקויפט אונטער השגחת הרבנים און אונטער רבנישע סיינס אויף בוטשער־שעפער.

די פרעסע האט דאס פארשוויגען פילייכט צוליב דעם כבוד הרבנים אדער אויס אנדערע טעמים, און וואס אנבאלאנגט דעם כבוד הרבנים איז ער מיר אויך טייער, אבער דער כבוד התורה, וועלכע איז מוטל באשפה און דער כבוד האמת, וועלכער ווערט געטראטען אונטער די פיס, זענען מיר נאך טייערער ובמקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב, דארום קום איך ארויס מיט א באשולדיגונג.

איך באשולדיג פיעלע רבנים, הכשרים־געבער, אז באוואוסט אדער אונבאוואוסט און יעדענפאלס אויס נאכלעסיגקייט, ווערט אונטער זייער השגחה פארקויפט בשר נבלה וטרפה אין האלסייל און ריטייל און דער פארקויפער איז א נבל ברשות התורה.

איך באשולדיג מאנכע רבנים הכשרים־געבער, אז מעהרערע אידען האבען זיי אויפמערקזאם געמאכט וועגען די טריפות בהשגחה און זיי, די רבנים, האבען די זאך פארשטיקט פון דער עפענטליכקייט און די חטאתים פארקויפען ווייטער וויפיעל זייער הארץ געלוסט.

איך באשולדיג פיעלע רבנים, אז אבוואהל זיי אליין האבען קיין טייל ניט אין די הכשרים, ווייסען זיי אבער, וואס עס קומט פאר און דאך פארשווייגען זיי די נבלה ענטוועדער צוליעב דעם „שמור לי ואשמור לך", אדער צוליעב פארמיידען א חלול השם און זיי פארגעסען זיך, אז במקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב.

איך באשולדיג די גאנץ־גרויסע רבנים, די מנהלי ורועי ישראל, אז צוליעב דעם פירוד הלבבות צווישען זיי, דער מחלוקת שאינה לשם שמים, ווייל ווען איינער זאגט אסור, איז דער צווייטער מתיר און ווען איינער זאגט טמא, זאגט דער צווייטער טהור, איז ענטשטאנען און ענטשטעהט די הויפט־שטערונג געגען איינפיהרען ארדנונג אין דער כשרות־פראגע, איבערהויפט אין די טשיקען־מארקעטס.

איך באשולדיג, אז אויף אנדערע געביטען אויסער בשר־כשר, האבען די רבנים אין גאנצען פארנאכלעסיגט די כשרות ; זיי האבען צום ביישפיעל אין גאנצען, אדער כמעט אין גאנצען, פארקוקט די כשרות פון געבעקס ווערהענד פיעלע אידישע בעקערס און אפשר דער רוב, נוצען אין די ראלס און חלות דעם עג־פאודער, וואס מען ווייסט כמעט זיכער, אז דאס קומט פון עופות טמאים און א מיעוט אידישע בעקערס נוצען „לארד", חזיר־פעטס פשוטו כמשמעו.

איך באשולדיג די רבנים, אז צוליעב זייער נאכלעסיגקייט איז כמעט גענצליך פארגעסען געווארען דער דין פון חלב וגבינות עכו"ם. איך ווייס, אז דארויף זענען פאראן פיעלע היתרים, אבער נור דארטען היכא דלא אפשר, ווערהענד דא וואלט מען דורך ווייניג מיה געקענט ברענגען ארדנונג אויך אין דעם און „מהיות טוב אל תקרא רע".

איבערהויפט איז כדאי צו באמערקען, דאס א געוויסע אגריקולטור־שולע האט פארעפענטליכט אין איהר באריכט, אז מען מעלקט דא איבעראל אויך די בהמות טמאות, הויפטזעכליך פערד, אזוי אז דער חשש פון די חז"ל קען נאך דא ניט אוועקפאלען „ודבר אל דינו יקום לעולם".

מען קען אגב די היגע רבנים פארטיידיגען מיט דעם כלל, אז „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו", דען זיי אלע מיט קליינע אויסנאהמען, האבען ניט קיין פרנסה פון רבנות און זיי מוזען עס זוכען פון הכשרים, אדער פון אנדערע מלאכות בזויות ושפלות, אזוי אז זיי זיינען מעהר טרוד בפרנסה ווי די שניידער און שוסטער און האבען דאריבער ניט קיין צייט און אויך ניט קיין מוטה צו קוקען אויף אלע עניני היהדות, און דא פאלט די גאנצע באשודיגונג אויף די ארטאדאקסישע בעלי בתים.

איך באשולדיג אונזער ארטאדאקסי, דאס זי שלאפט א שינת חוני המעגל און זעהט גארנישט וואס עס טוט זיך ארום איהר און ווי אונזערע שטארקסטע פעסטונגען ווערען דורך אונזערע אינערליכע שונאים צושמעטערט, ווי אונזערע הייליגקייטען ווערען אונטער די פיס צוטראטען און ווי אונזער דריי־טויזענד־יאהריגע גייסטיגע ירושה איז שוין באלד אין גאנצען פארשוואונדען און די ארטאדאקסי שלאפט, אבער עד מתי?

ווייסט איהר דען ניט אז פון אונזערע אלע חומות היהדות, וועלכע האבען אונז ביז איצט געהיט פון אונטערגאנג איז שוין כמעט פארבליבען ניט מעהר ווי די כשרות, דען אנדערע מצות ווערען שוין וועניג אפגעהיט אפילו אין די ארטאדאקסישע הייזער, און איצט ווערט אויך די כשרות צושמעטערט און איהר שלאפט, אבער עד מתי?

און אויב איהר האט אין די לעצטע פאר יאהר אנגעפאנגען צו בויען ישיבות און תלמודי־תורה, אום אייערע קינדער א אידישע ערציהונג צו געבען און אידישע מדות אין זיי איינצופלאנצען, איז ווייסט איהר דען ניט, אז גופים וועלכע זיינען מפוטם מיט נבלות וטריפות, קענען קיין אידען מיט אידישע מדות ניט ווערען? ווייסט איהר דען ניט, אז נבלות וטריפות זענען מטמטם את הלב און פארגיפטען דאס אידישע בלוט, און איהר שלאפט, אבער עד מתי?

זעהט איהר דען ניט, וואס פון אייער יוגענד איז געווארען? ווייסט איהר דען ניט, אז די אידישע צאן קדשים זיינען געווארען טרעמפס, געמבלער, גענגסטערס, קאנדידאטען פאר'ן עלעקטריק־טשער און אלערליי איסטען און טאקי דערפאר ווייל זיי וואקסען אויף נבלות וטריפות, און איהר שלאפט. אבער עד מתי?

ווייסט איהר דען ניט, אז געהענדיג יעדען אין דער פריה אין מקוה זיך צו מטהר זיין, וועלען אייך אפילו כל מימות שבעולם ניט העלפען, ווייל איהר זייט א טובל און ניט נור ושרץ בידו, נור ושרץ בתוכו? און ווען איהר זענט מתפלל ערב ובוקר, אדער ווען איהר לערנט אייער שיעור, ווייסט איהר דען ניט, אז דער הבל היוצא מפיכם איז א הבל של חטא, ווייל עס עפושט מיט נבלות וטריפות, און איהר שלאפט — אבער עד מתי?

און ווען איהר וואשט אייך צו א ראל, אדער ווען איהר מאכט קדוש און אויפ'ן טיש ליגען חלות, בשר ודגים וכל מטעמים און איהר זאגט ביי יעדען ביסען „לכבוד שבת", זענט איהר דאך א בוצע ברך נאץ ד', און איהר שלאפט, אבער עד מתי?

איך ווייס, אז איהר וועט מיר ענטפערען „כי קטן יעקב ודל", אבער זעהט וואס יעקב'ס ברודער אויף איסט־בראדוויי האט אויפגעטון, זעהט ווי ער האט פון ארימע ארבייטער א פעסטונג געגען אידענטום אויפגעשטעלט, ווייל ער האט זיך מיט זייערע פאראייניגטע קרעפטען באנוצט, און איהר שלאפט נאך אלץ און טוט גארניט, אבער עד מתי?

און ווייסט איהר, אז בלויז מיט דעם מעשר פון דעם געלד, וואס איהר, ארטאדאקסישע אידען, ספענדעט אויף שאו'ס און פוסטען לוקסוס, וואלט מען געקענט

אויסהאלטען בכבוד די רבנים און אויפבויען די חומת ישראל הפרוצה, און איהר שלאפט, אבער עד מתי?

רבותי! מאכט אביסעל א חשבון הנפש און זעהט וואוהין איהר זענט פארקראכען; געדענקט, דאס אונזערע עלטערען האבען זיך מקריב געווען אויף קדוש השם; זיי האבען זיך געלאזט ברענען און בראטען אבי אויפצוהאלטען אונזער הייליגע תורה, ווערהענד פון אייך פארלאנגען זיך ניט קיין קרבנות, מור מיט א קומץ קענט איהר ראטעווען די סיטואציע, און איהר שלאפט, אבער עד מתי?

אידען! האט איהר שוין קיין מורא ניט פאר דעם יום הדין הגדול והנורא, וואו איהר וועט שוין מעהר ניט קענען אפקומען מיט פולע תירוצים, מיט בע מע און א שאקעל מיט די פלייצעס?

און איך פרעג אייך, עד מתי? און איך זאג, עורו ישנים משנתכם!

## ב

די כשרות איז דא ארונטערגעזונקען עד הדיוטא התחתונה און עס הערשט אין דעם א שרעקליכער הפקר־צושטאנד, א סקאנדאליעזע נאכלעסיגקייט און עס ווערען צוליב דעם נכשל אין עסען טריפה, זאגאר די יעניגע אידישע פארמיליען, וועלכע ווילען פיהרען א שטדענג־כשר׳ען טיש.

מיר זיינען בשום אופן ניט אויסען מיט דעם דערמאהנטען ארטיקעל צו דערנידעריגען דעם כבוד פון די היגע רבנים. מיר ווייסען, אז די שולד פאלט ניט אין גאנצען אויף די רבנים, נאר זי איז מעהרסטענטייל דער רעזולטאט פון דער אלגעמיינער הפקרות און וואס די ארטאדאקסישע אידען ווילען ניט פאלגען און ניט רעספעקטירען זייערע רעליגיעזע פארשטעהער, אבער גראדע צוליב דיזען טרויעריגען צושטאנד, האלטען מיר פאר וויגשענסווערט צו אויפדעקען די וואונד און צו ציגען, וואוהין די הפקרות האט דערפיהרט.

ווען די פאראנטווארטליכע שוהלען זאלען צאהלען צו זייערע רבנים א געהעריגע שכירות, כאטש אזוי פיעל ווי מען צאהלט א גוטען חזן, וואלטען זיי שוין במילא זעהן צו קריגען די גרעסטע רבנים און עס וואלט גלייך געשאפען ווערען אן אונטערשייד צווישען די גרויסע פאראנטווארטליכע ווירקליכע מורי דרך און די פאלשע רעווערענדס, וועלכע האבען אפט אפילו קיין סמיכה ניט, אדער זיי זיינען סתם גייסטיגע קאליקעס און ניט ראוי לאותה אצטלא צו זיין רבנים און רעליגיעזע פארשטעהער.

אין דער צייט אבער, ווען רבנות איז ניט מעהר ווי א לייסענס צו מעגען פיהרען רעליגיעזע מסחרים מיט כשרות, חופה וקדושין, ווײן און דאס גלייכען, שפרינגען די עמי־הארצים ארויף בראש און ס׳איז ניטא קיין שום מאס צו מעסטען די גרויסקייט און פאראנטווארטליכקייט פון אונזערע רבנים, נאר, כל הרוצה ליטול את השם בא ונוטל, און דער רעזולטאט איז, דאס אונזער רעליגיעזער לעבען איז דיזארגאניזירט, די רעליגיעזע פארשטעהער — דיסקרעדיטירט, די חומת הדת איז צובראכען און די לאגע פון אידישקייט ווערט ערגער פון טאג צו טאג.

דער דאזיגער צושטאנד טאר אבער ניט פארשוויגען ווערען, נאר מען מוז ארויסקומען מיט׳ן אמת און אויפוועקען די אמת׳ע רעליגיעזע פיהרער און די אמת־מיינענדע ארטאדאקסישע בעלי־בתים פון זייער שלאף און טאקי שטעלען זיי די אפענע, ביטערע פראגע „עד מתי?״

ביז ווי לאנג קאן עס נאך אזוי געהן אין אונזער ארטאדאקסישען לאגער ? ביז ווי לאנג וועלען מיר זיין ללעג ולקלס ביי זיך אליין און ביי אנדערע ? וואס פאר א רעספעקט קענען האבען אונזערע קינדער צו דעם דת התורה, ווען זיי זעהען אזא העסליכע באציהונג פון זייערע עלטערען צו די רבנים און אזא־רייסעריי צווישען די רבנים זעלבסט ?

און ביז ווי לאנג וועלען מיר טאקי עסען טריפות ונבלות, פארגיפטען אונזער בלוט, פארדאדבען אונזערע נשמות און דערביי נאך שפילען א קאמעדיע אלס פרומע, ארטאדאקסישע שוהל־אידען ?

די דאזיגע פראגעס זיינען ברענענדע און געפעהרליכע, מיר מוזען אויף זיי א באלדיגע תשובה געבען, אדער עס וועט חלילה קומען צו דעם גרעסטען קראך, ענטוועדער פון אינווענינ אדער חלילה פון אויסוועניג . . .

חזוק הדת מוז ווערען דער רעטונגס־גארטעל פון אידישקייט, אויב מיר ווילען ניט דערטרונקען ווערען אין דעם ים פון הפקרות און ווילדען כאאס, און די רעטונגס־ארבייט מוז ווי אמשנעלסטען אנגעפאנגען ווערען.

די בעסערע אידען מוזען זיך אויף אן ערנסטען אופן אוועקשטעלען ביים רודער פון אידישקייט און לאזען הערען זייער שטימע פון „מי לד׳ אלי!״ וועלען די אידישע מאסען ביסלאכווייז נאכקומען און די רעטונג וועט קומען.

דער געשריי „עד מתי?״ שפאלט די לופט און עס דראהעט אונז מיט דער גרעסטער קאטאסטראפע, אויב ער וועט ניט דערהערט ווערען און אויב עס וועט תיכף ניט קומען א פיל־העכערער אויסגעשריי פון חזוק הדת, וועלכער זאל דעם עד מתי פארטויבען און אפשאפען !

---

פון דעם ראדאוויצער רבי׳ן

ב״ה, יום ה׳ לחודש ה׳ תרומה תרפ״ג.

כבוד העורך „דאס אידישע ליכט״ שלום !

איך האב צופעליג געזעהען דעם לעצטען נומער פון אייער צייטונג און געלעזען דאס ארטיקעל „עד מתי״,פיהל איך דאס עס איז מיין פליכט צו ווינשען דיעזער נייער צייטונג אריכת ימים ושנים. לך בכחך זה והושעת לעם ישראל פה בארצות הברית, כיהודה ועוד לקרא וויל איך דא ערצעהלען א פאקט, וואס איך האב אליין מיט מיינע אויגען געזעהן דאס בלויז ווען איך דערמאן מיך פון דעם תסמר שערת בשרי, — נעמליך :

איך האב א שטיקעל צייט געוואהנט אין סטענטאן קארנער סאפאלק סטריט, אין דיעזער געגענד געפינט זיך א האלסייל בשר כשר ביזנעס, זיינען שבת בייטאג זיך צוזאמענגעקומען מעהרערע בוטשערס (געוויס פון דער זעלבער אומגעגענד) מיט די סיגארעטלעך אין מויל, אויסצוקלייבען פלייש פאר זייערע סטארס, וואו זיי האבען געוויס סיינס פון רבנים, אז דא איז כשר אף למהדרין מן המהדרין, איך פרעג מיט אייך צוזאמען עד מתי ? אויב עס וועט געלינגען עפעס צו טאן להסיר המכשלה הזאת, ישמח לבי גם אני, והי׳ זה שכרי.

**ה״ק ישראל בהרב ר׳ משה זצ״ל האגער**

# ג

ויהי׳ מאשרי העם הזה מתעים
ומאשריו מבלעים (ישעי׳ ט׳, ט״ו).

איך האב געלעזען לעצטע וואך א הודעה פון געוויסע רבנים, דאס עס איז געווען ביי זיי א וויכטיגער מיטינג און זיי האבען בעשלאסען, אזוי ווי עס זיינען דא פיעלע בוטשערס וואס הענגען כשר־טעגס אויף בהמות טרפות זיינען זיי מזהיר דעם עולם, מען זאל אכטונג געבען. דאן אפעלירען זיי צו די ווארשט־פעקטאריס, אז זיי זאלען נישט פערקויפען קיין טרפות און נבלות, דען מען האט זיי אויפמערקזאם געמאכט, אז 90 פראצענט פון די ווארשט־פעקטאריס זיינען טרפה.

דאס איז דער תמצית פון דער הודעה און ווען איך וואלט געווען א פעליטאניסט וואלט איך געטאן דאס וואס אנדערע פעליטאניסטען טהוען די לעצטערע צייטען, איבערהויפט נאך דער מעשה־טילינגער, וואס עס איז כמעט געווארען א מאדע צו שרייבען פעליטאנען איבער די רבנים און זיך משמח צו זיין אויף זייער חשבון.

איך בין אבער דאס ניט און וויל דאס אויך ניט זיין, דען די זאך איז ביי מיר צו הייליג און דער כבוד הרבנים איז מיר צו טהייער, איך זאל איבער זיי שרייבען בקלות ראש. דעריבער וויל איך שרייבען דעם אמת כמות שהיא, ווענינגסטענס, ווי עס דאכט זיך מיר אליין און נאך טויזענדע איינפאכע אידען ווי איך, און ווייל חותמו של הקב״ה איז אמת, דענק איך דאס מיר ברויכען קיין מורא ניט צו האבען דעם אמת ארויסצוזאגען גאנץ איינפאך ווי ער איז, בלי כחל ובלי שרק, און מען מוז איהם ניט איינהילען אין קינסטליכע פילען.

און איך פרעג יענע רבנים, וועלכע אידען זיינען זיי דאס מזהיר, אז זיי זאלען אכטונג געבען ניט צו קויפען קיין טרפות ? פאר יענע אידען וואס האבען שוין דאס לעצטע ביסעל אידישקייט פארווארפען און ווילען עסען טרפות און וואס פאר זיי איז העכסטענס גענוג „כשר״ אויף דער ווינדאו, דענק איך, העלפט קיין הזהרה און זיי ברויכען ניט קיין הזהרה, ניט זיי וועלען פאלגען די רבנים און ניט די רבנים ברויכען זיי צו פערזארגען, „הלעיטהו לרשע וימות״, און די רבנים זיינען ניט אחראים בדבר, איז ווען מען וויל מזהיר זיין, ברויך מען נור די אנדערע סארט אידען, וועלכע זוכען טאקע כשר נור זיי זיינען ניט גענוג נזהר, אבער דיזע סארט אידען וועלען בשום אופן ניט ארייגגעהן קויפען בשר כשר אין א פלאץ וואו זיי אליין קענען ניט דעם בוטשער פאר אן איש נאמן און סיידען עס איז דא ביי איהם א סיין פון א רב, אז ער האט השגחה אויף דעם פלאץ. יעצט שטעלט זיך די פראגע, וואס זיינט איהר מזהיר דעם עולם ? ווארום נישט די יעניגע רבנים וואס גיבען סיינס ? ווייסט איהר דען נישט דעם אמת, אז דאס רוב טרפות וואס ווערט געגעסען פון אידישע מענשען איז אונטער השגחה פון געוויסע רבנים אדער זאגענאנטע רבנים ? ווארום שטורעמט איהר ניט אקעגען זיי ? איהר בעט אויך די ווארשט־פעקטאריס, זיי זאלען ניט פערקויפען קיין טרפות, איהר פערלאנגט הייסט עס פון א קאזאק יושר ? ווארום פערלאנגט איהר ניט פון די רבנים זיי זאלען ניט ווארפען די הכשרים רעכטס און לינקס ? ווארום פערעפענטליכט איהר ניט איינמאל פאר אלע מאל די נעמען פון דיזע רבנים וואס דאס ווארט „כשר״ איז ביי זיי אזוי ביליג און זיי האלטען אין איין שרייבען הכשרים אויף כל דבר אסור ? איהר וועט זאגען, עס איז פערבונדען מיט אונאנגענעהמליכקייטען, מיט מריבות און קטטות צו פערעפענטליכען אזא זאך,

אבער וואו איז דער „מסירת נפש”, וואס האט אפגעהאלטען דאס אידישקייט ביז אונזער צייט ?

אין קיין שום צייט און אין קיין שום לאנד איז נישט לייכט אנגעקומען אויפצוהאלטען אידישקייט, נור אונזערע גייסטיגע פיהרער, אונזערע גדולים און צדיקים זיינען געגאנגען מיט מסירת נפש און עס איז אימער געלונגען דער ובערת הרע מקרבך ווייל „כל מצוה שנתנו נפשם עליה נתקימה בידם”, ען אבער דא לײדער זעהען מיר ניט דעם קלענסטען מסירת נפש ע פון די רבנים און דער אמת איז, דאס עס איז פרוץ מרובה על העומד, חוץ א קליין הייפעלע רבנים, א גאנץ קליינער דאו, מעוט און אפשר גאר א מעוט דמעוט, זיינען די איבעריגע רבנים — און עס זיינען דא צווישען זיי גדולים בתורה — קיין איינער ניט קארג אויף דער פען צו שרייבען הכשרים וויפיעל עס לאזט זיך.

און וואו האבען עס יענע רבנים געטראפען א היתר, צו מאכען די גאנצע תורה א קרדום לחפור בה, פון אלעס צו ציהען געלד־נוצען ? מ׳קען פון זיי ניט פערלאנגען זיי זאלען געהן בשיטת הרמב״ם ז״ל און פון רבנות גאר קיין געלד ניט נעהמען און רבנים האבען אימער פון געוויסע זאכען געלד גענומען, ווי פון סדור קדושין און גטין, פון ברית׳ן, הספדים, מצבות־שטעלען, א.ד.ג., און איך דענק, אז דאס קען שוין זיכערען יעדען רב זיין פרנסה בכבוד ער זאל קענען ארבייטען לטובת היהדות אהן יעדער פניה, אבער דא אין לאנד ווילען זיך פילע רבנים ניט ריהרען ווי לאנג מ׳בעצאהלט זיי ניט, שוין אפגערעדט פון הכשרים געבען, דאס טהוט קיינער נישט שלא על מנת לקבל פרס, אבער עס זיינען דא פאראן רבנים וואס ווען מ׳רופט זיי ריידען פאר א תלמוד תורה, פאר א ישיבה, הייסען זיי זיך אויך בעצאהלען דערפאר. אוי לאותה בושה ! און דאס ביסעל ישיבות וואס מיר האבען דא, ארבייטען פאר זיי בעלי־בתים ממש מיט מסירת נפש און נישט נור ערמוטיגען ניט די רבנים די בעלי־בתים, און ניט נאר זיינען די רבנים ניט די מנהיגים, וועלכע זאלען צוציהען די בעלי־בתים, נור עס קומט נאך אן זעהר שווער פאר די בעלי־בתים צו פעראינטערעסירען די רבנים, ווייל עס ליגט קיין געלד ניט אין דעם. און בעט מען שוין די רבנים זיי זאלען ריידען פאר א ישיבה, ריידען זיי מיט א האלבען מויל און מאנכע מוז מען טאקי בעצאהלען פאר׳ן ריידען. שומו שמים ! איז שוין גאר קיין הייליגעס נישטא אין „דיעזע” רבנים׳ס אויגען ? האבען זיי שוין קיינע אידעאלען ? גייסטיגע פיהרער וואס ברויכען פאר׳ן פאלק אלס ביישפיעל פאראויס געהן, זאלען זיך שוין האבען אזוי פארקויפט צום עגל־הזהב, איז ומה יענו אזובי־קיר ? ווייסט איהר דען ניט דאס מיט אזעלכע האנדלונגען זיינט איהר מבזה דעם כבוד התורה, וואס ער איז שוין יעצט אויף געגוג נידעריג ? איז אייער אויער שוין אזוי פארשטאפט און אייער הארץ אזוי פארשטיינערט, דאס איהר קענט ניט הערען דעם בת־קול וואס איז מכרזת ואומרת, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה ? געהט, אדרבא, צווישען פאלק און הערט זיך גוט איין צו איהם וועט איהר הערען וואס פאר א מיינונג מען האט דא איבער די רבנים, און ווער איז דארין שולדיג ווען ניט יענע רבנים אליין, וואס מאכען אלעס פאר א ביזנעס, וואס מעסטען די גרויסקייט און הייליגקייט פון יעדער זאך מיט געלד. און אין אמת׳ען זיינען דען נישט פיעלע פון די רבנים רעכטע ביזנעס־מענער און נאך פון געמיינערען סארט ? מ׳ברויך נור נעהמען אין בעטראכט די וויין־ביזנעס, וואס ווערט פון פיעלע רבנים געפיהרט אויף א גרויסען מאסשטאב. וויפיעל בזיון, וויפיעל שפלות, וויפיעל חלול כבוד התורה עס ליגט דארין ! רבנים, וועלכע דארפען די ערשטע זיין צו זעהען, אז די לאנדעס־געזעצען זאלען אפגעהיט ווערען זיינען דא גורם דירעקט אדער אינדירעקט, אז דאס געזעץ ווערט געבראכען, און ווען עס טרעפט זיך אמאל א איד וועלכער האט מורא פאר

דעם חלול השם, וואס דאס ברענגט און זאגט א ווארט געגען דעם ווייך־געשעפט, רייסט מען איהם ארונטער כאחד הריקים, אזוי ווי ער וואלט עוקר געווען איינעם פון די יסודי התורה, און אויך די אידישע פרעסע, וועלכע דארף אכטונג געבען, אז דער כבוד ישראל זאל ניט נתחלל ווערען און וואס זי וואלט בעדארפט זיין די ערשטע צו קעמפען אקעגען א געזעץ וואס ברענגט שאנד און שפאט פאר דעם אידישען נאמען, פארטיידיגט זי אימער דעם יין לקדוש־געזעץ מיט אזא ווארימקייט, וואס הלואי וואלט זי דיזע ווארימקייט אויסגענוצט פאר בעסערע זאכען; די פרעסע ווייזט אלץ אן אז א דין בעלאנגט צו די רבנים צו פסק'ענען. דאס איז אויך אמת, אבער ווארום ווען עס האנדעלט זיך וועגען א פראגע וויפיעל מיליאנען יאהר די וועלט שטעהט, אדער אויב דער מענש האט זיך ענטוויקעלט פון א חיה, אדער אויב א אידישער יונגערמאן מעג חתונה האבען מיט א שיקסע, פסק'נט עס די פרעסע אליין און שיקט עס ניט צו די רבנים,כאטש אזעלכע שאלות זיינען פיעל וויכטיגער ווי יין לקידוש ?

דער אמת איז, דאס ווען יין לקדוש זאל אפילו זיין א מצוה מן התורה וואלט מען אויך נישט בעדארפט צולאזען צו אזא גרויסען חלול השם, איבערהויפט נאך ווען דאס איז נאר מדרבנן און מ'קען יוצא זיין מיט יין צמוקים.

און נאך אזעלכע מעשיות פערלאנגען נאך די רבנים און האלטען זיך אין איין בעקלאגען, דאס מ'האט פאר זיי קיין דרך ארץ ניט !

דאס אלעס וואס איך האב דא געשריבען, איז אפילו קיין נייעס ניט. די אמת'ע עהרליכע רבנים ווייסען דאס אליין און ערשט לעצטען זונטאג איז מיר אויסגעקומען צו הערען ווי די אמת'דיגע רבנים האבען געשטורעמט קעגען די זאגענאנטע רבנים און זיי האבען געשריען, דאס מען מוז ארונטערדרייסען פון זיי די מאסקע. יא, רבותי !דאס וואלט געווען דאס בעסטע. אבער ערוב פרשיות יש כאן, עס הערשט א תהו ובהו ביים עולם, מען ווייסט ניט ווער אס מעגען זיין די ארונטעררייסער און פון וועלכע מען דארף די מאסקעס ארונטעררייסען. עס קען טרעפען, אז דער יעניגער וואס מ'וואלט געדארפט פון איהם ארונטעררייסען די מאסקע, שרייט גאר געוואלד און מיט א יראת־שמים פנים, אז מ'זאל ארונטעררייסען די מאסקע פון אנדערע, און דער איינפאכער איד קוקט און הערט דאס צו און ווייסט ניט, וועלכע רב איז דער ריכטיגער און וועלכער דער פאלשער, וועלכער דער אמת'דיגער און וועלכער דער צבוע. און דארום, רבותי, אויב דער כבוד התורה איז ביי אייך טייער, אויב איהר ווילט פארשוינען דעם כבוד ישראל און אייער אייגענעם כבוד, וואס איז שוין לײדער בתכלית השפלות, דאן ברענגט ארדנונג אין דער זאך, זייט בורר את הפסולת מתוך האוכל נאך אמאל און נאך אמאל, שאנעוועט ניט קיינעם און זאל נאר בלייבען דער „ועוד בה עשיריה״, אבער עס זאל זיין „זרע קודש מצבתה״ און קיין איינער, ווי גרויס ער זאל ניט זיין בתורה, איז ווי נור ער איז מחלל שם שמים זאל ער מוזען בלייבען מחוץ למחנה, דאן וועט דער כבוד התורה און ממילא דער כבוד הרבנים בעקומען זיין ריכטיגען גלאנץ און די אידען און וואס יראת ד' איז נוגע בלבבם וועלען אייך רעספעקטירען און צו יעדער דבר שבקדושה מיטהעלפען און מ'וועט קענען פיעל אויפטהאן פאר חזוק התורה והיהדות, וואס איז איצט לײדער ירדה עשר מעלות אחורנית, און עס איז שוין די העכסטע צייט, כי עת לחננה כי בא מועד !

# הצלה

רופט : 387-1750

**************************************************************

ווילט איהר מחי' זיין אייערע געדריקטע ברידער וואס וואוינען אין רוסלאנד ? שיקט א פעקעל לעבענס־מיטלען, פון וואס א משפחה קען לעבען בכבוד א האלב יאר.

פאר פינקטליכע פרטים פארבינדט זיך מיט מו"ה ר' **שלום לויפער** הי"ו :

Rabbi S. Loufer 482 Bedford av. B'klyn N.Y. 11211 387-84

**************************************************************

## יד לאחים להצלת אחב"י מטמיעה

עס איז אייער פליכט אנטייל צונעמען אין ארויסראטעווען אידישע קינדער פון שמד ר"ל, הונדערטער טויזענטער קינדער ווערען ערצויגען בארצינו הקדושה צו כפירה והפקירות, טויזענטער נייע עולים וואס קומען אהן יערליך און ווערען צושפרייט אין די ציוניסטישע קיבוצים וואו עס איז נישט דא קיין זכר פון אידישקייט, קיין כשר'ס, קיין שוהל, מקוה, רב, וכו' וכו'. זיי קענען נישט צוקומען צו פרנסות נאר ווען זיי ארבעטען שבת. מיט אייער הילף העלפט איהר אונז אין די געוואלדיגע הצלה ארבעט.

מיר האבען אויפגעשטעלט מוסדות פאר קינדער, מקואות, שוהלען, מסדר געווען משפחות צווישען ערליכע אידען, גערעטעוועט טויזענטער קינדער פון די רשעים.

יד לאחים האט די שטיצע און אנערקענונג פון אלע רבנים ואדמורי"ם שליט"א, און מיר האבען אפטיילונגען איבער די גאנצע וועלט.

ווילט איהר וויסען גענויע אינפארמאציע דאן פארלאנגט א פראטאקאל פון אונזער ארבעט.

Yad L'achim 121 Penn st. B'klyn N.Y. 11211 625-7680

**************************************************************

## מודעה רבה

עפ"י עצת צדיקים האבען מיר ארויסגעגעבען אויף אידיש וויכטיגע הלכה־ספרים, וואס מיר האבען מלקט געווען פון שלחן ערוך און אחרונים, מיט די הסכמות פון גדולי דורינו שליט"א. דערווייל האבען מיר געדרוקט אויף הלכות שבת, יום טוב, פסח, מליחה, הגדה של פסח, סיפור יציאת מצרים.

די ספרים זענען ספעציעל וויכטיג פאר פרויען און מיידליך, וואס דארפען וויסען די אלע הלכות.

Rabbi L. Schwartz 156 So. 9 st. B'klyn N.Y. 11211 387-68

**************************************************************

עס איז היינט ב"ה דא א גרויסער אויסוואל פון ערליכע אידישע ספרים, מעשיות, הלכה אאז"וו. איהר קענט קויפען פאר חצי בחנם אלע מינים ספרים, וואס זענען געדריקט ארייננצוגעבען א ליכטיגקייט אין אידישע היימען.

אויף דעם פלאץ וואס איהר צאלט געלט פאר חיבורים וואס זענען אסור צו האלטען אין שטוב, קויפט ליבערשט די דאזיגע הייליגע ספרים וואס גיט אריין א לעבעדיגקייט, און זענען משפיע תורה ויראת שמים. בפרט איז דאס אויסער געווענליך נויטיג פאר פרויען און מיידלעך, וואס לערנען נישט קיין תורה, זאלען זיי שעפען קדושה און יראת שמים פון די הייליגע ספרים, און ח"ו נישט מוזען אנברענגען די צייט אויף ליינען אסור'דיגע ביכער, צייטונגען, מאגאזינען אד"ג. פראבירט אויס, איהר וועט אונז דערפאר דאנקבאר זיין.

Rabbi A. Krausz 171 So. 9 st. B'klyn N.Y. 11211 384-256

**************************************************************

## ארבייט פארמיטלונג פאראיין

מיר העלפען ארויס פארשאפען ארבעט פאר די וואס האבען נישט קיין שטאבילע דזאבס. הונדערטער אידען פון דא, רוסישע אימיגראנטען און אידען פון ארץ ישראל, וואס זענען ממש מחוסר לחם, און האבען נישט קיין מקור אויף פרנסה

האט א חלק אין די גרעסטע מדריגה פון צדקה (רמב"ם ושו"ע). מיט אייער נדבה האט איהר א חלק אין ארויסהעלפען אידען מיט פרנסה בכבוד, זיי זאלען נישט מוזען אנקומען צו מענטשענס הילף.

מיט 3 שעה ארבעט פארשאפען מיר א דזאב פאר לפחות איין איד. דאס קאסט אונז $18. (ועידזועס, טעלעפאן, סאפייס). מאכט א חשבון וויפיל איהר ווילט געבען.

Kolel Employment 500 Bedford av. B'klyn N.Y. 11211 388-7118

**********************************************************

## חברה תומכי שבת

חברה תומכי שבת האט זיך קונה שם געווען מיט איהר פארצווייגטע און פרוכטבארע ארבעט. דאס שטיצט און האלט אויס הונדערטער פאמיליעס ת"ח וחשובים אין ארץ ישראל מיט אלע הוצאות שבת.

תומכי שבת פארדינט אייער שטיצע וואס פארמעגליכט אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט. בפרט וואס די יקרות איז היינט אין אר"י געפערליך ארויף.

האט א חלק אין די גרויסע מצוה און שיקט אריין א נתינה חשובה לכבוד שבת ק'.

Chevre Tomche Shabos 683 Bedford av. B'klyn N.Y. 11206

**********************************************************

## בשורה טובה פאר די לומדי דף היומי

מיר האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבען דף היומי טעיפס. דאס איז די איינציגע טעיפס וואס איז געלערענט גמרא מיט רש"י אויף אידיש בהסברה ברורה, און דאס איז געווארען קאנטראלירט דורך גדולי התורה.

וועגען אלע ענינים בנוגע דף היומי, זיך צו ווענדען :

Daf Yom inc. 1711 47 st. B'klyn N.Y. 11204 633-3921

**********************************************************

**מיר האבען פאר די אלע מודעות נישט גענומען באצאלט**
**דאס איז געדרוקט בפירוש לשם מצוה.**

מיר דאנקען רש"א פאר זיין הילף אין צושפרייטען דעם קו' דורך געבען לעיבעל-אדרעסען פון אלע חרדישע אידען אין ניו-יארק כו' פאר גאר ביליג.
שכרו אתו ופעולתו לפניו.

To

Non-Profit Org.
U.S. Postage
PAID
N.Y., N.Y
Permit No 5579

# ווּיכטיקע מודעות וועגען תורה ומצות

(געדרוקט שלא ע״מ לקבל פרס — מחזק צו זיין ידי עושי מצוה)

****************************************************************

### שעטנז לאבאראטארי

אז איהר קויפט א נייעם בגד קוקט פאר דעם בלעכענען שעטנז־סיעל (לייבעל אליין איז נישט פארלעסליך). אויב נישט, פארלאנגט פון אייער סוחר ער זאל דאס לאזען איבערקוקען. אז מען געפינט לינען ווערט דאס אומגעביטען אומזיסט אהן וועלכען שאדען פאר אייער בגד.

איהר קענט אויך לאזען דורך אונז בודק זיין אייער **טלית**, צי דאס איז ריין וואל. שניידט אראפ אפאר פעדים ביים זוים פון אייער טלית, פון די לענג און פון די ברייט און שיקט דאס אונז אריין מיט $3.00, און ביז 10 טאג באקומט איהר אנטווארט.

Shatnes Laboratory 203 Lee av. B'klyn N.Y. 11206 387-8520

****************************************************************

מיר האבען איבערגעזעצט אויף אידיש דאס הייליגע ספר „עת לעשות"
פון הגה"ק ציס"ע מו"ה רבי הלל מקאלאמייע זצ"ל.
דער דאזיגער ספר איז פייערדיגע מוסר־רייד, וואס דאס איז זייער נויטיג
אין היינטיגע צייטען. דאס מוז זיך געפינען אין יעדע אידישע שטוב.
באשטעלט דאס שוין און לייגט נישט אפ אויף שפעטער.

Eis Lassois (Rab. Berkowitz) 225 Patchen av. B'klyn N.Y. 33

****************************************************************

### תורה טעיפס

והגית בו יומם ולילה, כשלומד דף א׳ מקיים מאות מצות (הגר"א פאה פ"א מ"א).

איהר קענט לערנען תורה אומעטום און אלעמאל, אין שטאט און אונטערוועגענס, ביי די ארבייט, אדער אז איהר פארט אויף וואקאציע.

באשטעלט די תורה־טעיפס ($1.69 יעדע טיעפ), איהר וועט דאס באקומען אויף די פאסט גלייך וויא מיר ערהאלטען אייער ארדער.

איהר קענט דאס באקומען אויף פארשידענע מסכתות — גמרא, משניות, קרה"ת, קריאת מגילה, תהלים, דברי יראה והתעוררות.

דער אדרעס איז :

Torah Tapes 787 E. 3 st. B'klyn N.Y. 11218 853-4281

****************************************************************

### וועד הכשרות דהתאחדות הקהלות דניו יארק

ווילט איהר זיין זיכער אז איהר ניצט נישט קיין מאכלים וואס איז דא דערויף א חשש איסור ח"ו ?

ווערט א מעמבער און באשטעלט אונזער אויסגאבע „מדריך לכשרות" וואס ערשיינט יעדע 2 חדשים, וואו עס ווערען ארויסגעברענגט די בירורים ביי אלע ספיקות אין כשרות. (פרייז $4. א יאר).

פארלאנגט פון אייער גראסערי, בעקעריי, קעיטערער, רעסטאראנט דורכאויס די פראדוקטען וואס זענען אונטערזוכט געווארען דורך אונז.

Vaad Hakashrus P.O. Box 56 B'klyn N.Y. 11228 339-4325

****************************************************************